בעזהשי״ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**

**ע״ד הסלולה של רביה״ק מוהר״ן מברסלב זי״ע**

**מאת הרה״ח ר׳ לוי יצחק בענדער זצ״ל**

**מתובל בסיפורי עובדות מאנ״ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס ד׳ - פרשת ויחי שמות תשע״ח

# תוכן השיעור

**אייער 'נגינה' איז בוקע רקיעים... - ר' סענדר טירהאוויצער ז"ל**

**א פאטש געכאפט - און שפיל פרייליך...**

**א ביסעלע איז תמיד דא!**

**כאטש 'בלייב נישט שטיין'!...**

**דעם אייבערשטנס 'אמת'...**

**'רבונו של עולם, היט מיר די אויגן'!**

**כי תראה ערום וכסיתו...**

**תשב אנוש עד דכא - עד דכדוכה של נפש...**

**יזכיר לו יום המיתה... - ר' אברהם דזארגובסקי ז"ל**

**'צדיק ולמדן' - ר' מתתיהו מאומאן ז"ל**

**ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ...**

**הבעל כח הגדול...**

**"ארץ ישראל"...**

**קיבוץ בראש השנה - כאיש אחד בלב אחד**

**'דינא קדישא' - ר' יצחק באבריניצער ז"ל**

**אונזערע 'אוצרות'...**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלים בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס

מאנסי, נוא יארק

**(+1) 845-200-0443**

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

# פרשת אחרי קדושים, תשל"ד

(טייפ מספר 31#)

**אָמַר שֶׁיְּסַפְּרוּ כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וּמִכָּל אֶחָד וְאֶחָד יִהְיוּ כַּמָּה מַעֲשִׂיּוֹת!**
(חיי מוהר"ן - אות שכ"ז)

## אייער 'נגינה' איז בוקע רקיעים... - ר' סענדר טירהאוויצער ז"ל

- - - ר' סענדר (טירהאוויצ'ער ז"ל)[א] - אין די עבודה האט ער געהאט אזעלכע תנועות! די אלע ניגונים - אסאך ניגונים איז פון ר' סענדר'ן, דער ניגון וואס מיר זינגען אויף 'טל' דאס איז פון ר' סענדר'ן, ער האט געהאט התבודדות מיט דעם ניגון!

(השואל: ער איז געווען א בעל תפילה?) ניין, ער איז נישט געווען קיין בעל תפילה! נאר וואס דען, ער האט געהאט ניגונים, ער האט געהאט - אויף פסוקים דארטן: 'אם זכרתיך על יצועי', און דער ניגון פון 'ידיד נפש' איז אויך פון ר' סענדר'ן, ער האט געהאט אין התבודדות אסאך ניגונים, א בענקעכץ צום אייבערשטן - און ס'איז געווארן א ניגון דערפון!

(השואל: ווער האט דאס ארייגעפאסט אויף 'טל - גשם'?) דאס האט מען שוין אין אומאן ארייגעפאסט, איך האב עס אין אומאן געהערט, נאך 'רבי מאיר חזן' האט עס אזוי געזאגט! אין אומאן איז געווען איינער ר' מאיר חזן האט ער געהייסן, ער איז געווען נאך ביי ר' נפתלי, ער איז געווען א יתום, ער איז געוואקסן ביי ר' נפתלי אין שטוב, און ער איז געווען אין אומאן א חזן, ער האט געהאט א שיינעם קול, א זיסקייט אינעם קול, האב איך איהם געהערט, האט ער אויך געזינגען דעם ניגון. ער איז נאך געווען עטליכע יארן חזן אין מיינע צייטן, א זקן מופלג.

(השואל: ר' בנציון [אפטער] פלעגט זיך דרייען ביי איהם?) יא. ער איז געווען אן ארימאן, אויף שבת האט ער נישט געהאט וואס צו עסן, האט ער גענומען אן אורח, און ער האט אליין נישט געהאט וואס צו עסן - נאכ'ן עסן פלעגט מען גיין צו איהם דארטן.

און ער פלעגט דאווענען פאר'ן עמוד, ער איז געווען א 'יאר חזן' (חזן קבוע למשך שבתות השנה), יום כיפור האט ער געדאווענט שחרית, ראש השנה נישט, ראש השנה האט געדאווענט ר' אברהם (שטערהארץ ז"ל) מיט ר' נחמן (נעמירוב'ער ז"ל), זיי האבן געדאווענט. יום כיפור האט ער געדאווענט שחרית - דער ר' מאיר חזן, אלע שבת האט ער געדאווענט.

---

[א] מספר גידולי הנחל; ר' סענדיר מטירהאוויצע - נתקרב בשנת תרי"ד ע"י ר' נחמן מטולטשין. קודם התקרבותו היה סוחר בדים בין הקרירים וחומדי הלשון, ואח"כ נהיה לאחד המיוחדים שבקרב אנ"ש, ראש חבורת העובדים בטירהאוויצע. בשנת תרכ"ה בנה מחדש את ביהמ"ד באומאן, היות והבנין שבנה מהרנ"ת בשנת תקצ"ב היה כבר חלש ורעוע. החזיק במשך זמן רב את הוצאות ביהמ"ד וכלכלת ר' נחמן מטולטשין. תמך ביד רחבה בעניי אנ"ש ובאנ"ש יושבי א"י. בעל מנגן נפלא וכמה מניגוניו נפוצים עד היום בין אנ"ש. נפטר בשנת תרל"ח.

ער האט אויך געבענטשט טל און גשם, האט ער אויך געזינגען די ניגון פון טל וואס מיר זינגען, ער האט געזאגט אז ס'איז א 'טראהוויצער ניגון', און אז מיר האבן דאס איינגעפאסט אויף טל.

(השואל: און 'קה אלי'?) האב איך אויך געהערט און אומאן, דאס איז אויך פון זיי (מ'טראהוויצע). ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אמאל געדאווענט מוסף, האט ער אויך געזינגען דעם ניגון - - שמיני עצרת איז דאך געווען ביי איהם שמחת תורה (כי התנהג כבן ארץ ישראל), ער האט דאך שוין געדארפט ליינען 'ברכה', ער האט געוואלט עולה לתורה זיין, האט ער געבעטן מען זאל איהם גיבן מפטיר, ווייל מפטיר איז די איינינגע קריאה פון שמחת תורה מיט שמיני עצרת, האט מען איהם געגעבן מפטיר, האט ער שוין געבענטשט גשם אויך - דאס איז די איינינגע ניגון טל מיט גשם. האט ער שוין געזינגען 'קה אלי' אויך פריער, געזינגען 'קה אלי' און געבענטשט גשם, האט ער גאנץ שיין געדאווענט, קיין קול האט ער נישט געהאט, אבער דעם נוסח האט ער אזוי מדקדק געווען, דעם נוסח - פונקטליך.

ער איז א געוואלדיגע מתבודד געווען - דער ר' סנדר, און ער האט געהאט אין זיך געוואלדיגע שיינע תנועות, א 'בענקעכץ' צום אויבערשטן, און ער האט געהאט נישט נאר א תנועה, נאר ממש א ניגון, א ניגון! די אלע חזנים האבן געדארפט האבן 'נאטן' (תווים), אויפשרייבן, אבער זיי (אנ"ש המתבודדים) האבן נישט געדארפט אויפשרייבן, זיי האבן איינגע'חזר'ט עטליכע מאל, איז געווארן א ניגון, איי איי!

*

איך געדענק "ר' איציק באבריניצער"[ב] פלעגט קומען קיין אומאן, ער פלעגט תמיד איינשטיין ביי ר' געציין[ג], ער איז אריינגעקומען ביינאכט אין שול אריין, האט ער זיך אזוי געזינגען אזעלכע תנועות - ער איז געווען א טראהוויצער, זיין טאטע (ר' נתן ב"ר נחמן בן מוהרנ"ת) איז געווען אן איידעם ביי ר' שמואל פיקסל (מאנ"ש בטירהאוויצע), ער איז געווען א טראהוויצער, האט ער אלץ געזינגען ניגונים פון ר' סענדר'ן. געדענק איך אז ס'איז געווען אמאל א פרייטאג צונאכטס, א ווינטערדיגע פרייטאג צונאכטס, ער איז אריינגעקומען פארטאגס אין שוהל אריין, ארומגעדרייט זיך און געזינגען ניגונים פון ר' סענדר'ן.

(השואל: ער האט געקענט ר' סענדר'ן?) אוודאי האט ער איהם געקענט!

הכלל, בקיצור - מיר רעדן, דארף מען דאך רעדן צו די זאך; אז ס'איז געווען ביי אונז אזעלכע אידן, און זיי האבן ארויסגעגעבן אזא מין בענקעכץ צום אויבערשטן, וואס דער רבי האט א זאג געגעבן

[ב] מספר שיח שרפי קודש (ד' תמ"ב): לרבי נחמן בן מוהרנ"ת, היה בן בשם רבי נתן ז"ל, שהיה עובד ה' מופלג במעלה מאד, והיה דר בעיר דימיטריוועקע, ולו היה בן בשם רבי יצחק, שדר בעיר באבריניץ, והיה מכונה בשם רבי איציק באבריניצער, הוא היה עובד ה' מופלג במעלה מאד... (עי' שם עוד פרטים אודותיו).

[ג] מספר גידולי הנחל: ר' געצע ב"ר אברהם - שמו המלא: ר' אליקים געציל ליבאוונא. נכדו (בן בתו) של ר' פנחס יהושע מטעפליק וחתנו של ר' נחמן הזקן ב"ר אפרים נכד רז"ל, נולד בשנת תרל"ד, צדיק וחסיד, עובד ה' במסי"נ ובכל הכוחות, בעבודת התפילה לא הניח דומה לו בזמנו, מראשי האריות שבחבורת עובדי ה' שבאומאן, בצעירותו נלקח בכח לעבודת הצבא ובכוחות עילאיים עמד על משמר היהדות ולא סטה ממנה בניד כלשהו, ביקר בא"י, נפטר בשביעי של פסח תרע"ח, ומנו"כ באומאן. חתניו: ר' ברוך ור' אברהם (דזארגובסקי, עי' להלן).

צו ר' נפתלי; "**אייערע נגינה איז בוקע רקיעים**"! (עי' חיי מוהר"ן אות של"א). נו, דאס הייסט א מנגן כשר, א מנגן כשר האט א בענקעבץ צום אויבערשטן, ער זינגט זיך א ניגון אזוי - -

(השואל; און די ניגון 'עבר קיץ'?) 'עבר קיץ' איז אויך פון ר' סענדר'ן!

*

## א פאטש געכאפט - און שפיל פריילך...

(השואל; דער ניגון 'ומנותר קנקנים'?) דאס איז שוין נישט פון ר' סענדר, ס'איז געווען א חתונה אין ברסלב, אמאל פלעגט זיין א חתונה - די חופה איז געווען שפעט, איז א גאנצע נאכט געווען די חתונה, און פארטאגס ווען מען האט געענדיגט די חתונה פלעגט מען ארוים באגלייטן דארטן די מחותנים מיט מוזיק. נו, געווענטליך דער קלעזמער איז שוין מיד נאך א גאנצע נאכט, ווער שמועסט די פויקער, ער איז שוין גאר מיד, ער קען שוין נישט בייגן די האנט. ר' נתן איז געשטאנען דארט אינעם אויבער שטיבל, און זיי (די מחותנים) זענען געגאנגען, זיי האבן געזינגען דעם ניגון פון 'ומנותר קנקנים' - געשפילט דעם ניגון, אן די ווערטער, נאר געשפילט. איז געווען "ר' מאיר לייב בלעכער"[ז], ער איז געווען א בעל מנגן, און ער האט דאס געהערט, האט ער דאס ארייגעפאסט אויף 'ומנותר קנקנים'.

דער פויקער איז שוין געווען מיד, האט איהם דער קלעזמער'יסט נגעגעבן א פאטש - פאר'ן פויקער, דער פויקער האט אנגעהויבן וויינען, זאגט ער; "**א פאטש געכאפט און שפיל פריילך**"! "האסט געכאפט א פאטש און שפיל פריילך"!! דאס איז געווען די נאכט, וואס ר' נתן האט געהערט ווי זיי האבן באגלייט די מחותנים, דערפון איז געווארן די דיבור "געכאפט א פאטש - געשפילט פריילך"!!!

(השואל; ביים רבי'ן שטייט "א פאטש געכאפט פריילך געקלאפט"?) דאס איז א אנדערע זאך! (עי' שיש"ק ב' תקמ"ג).

דעמאלטס האט ר' מאיר לייב איינגעפאסט די תנועה וואס זיי האבן געשפילט, אויף 'ומנותר קנקנים'.

(השואל; ווי איז ער געווען ר' מאיר לייב, ביי ר' נתן'ען?) יא! ר' מאיר לייב איז געווען א בעל מנגן, דער 'שושנת יעקב' איז פון ר' מאיר לייב בלעכער,ביידע ניגונים אויף שושנת יעקב, און דער 'יום ליבשה'. און 'מעוז צור' - איז דא דער פרייליכער, און דער אנדערע וואס מיר זינגען דארט אין מירון - דער התעוררות'דיגער איז פון ר' מאיר לייב.

*

[ז] מספר גידולי הנחל; ר' מאיר יהודה (לייב) בלעכער מברסלב - מחשובי תלמידי מהרנ"ת. נתייתם בגיל צעיר וגדל בביתו של ר' נפתלי תלמיד רז"ל. היה סמוך למהרנ"ת בשעת הסתלקותו. משנת תר"ו ועד לפטירתו היה בעל תוקע באומאן בראש השנה. רבו בנגלה של ר' אברהם ב"ר נחמן.

# א ביסעלע איז תמיד דא!

(השואל; וואס א שייכות האט "ומנותר" צו ר' נתן'ען?) 'ומנותר קנקנים'! וויבאלד מען האט אלע 'שמנים' חרוב געמאכט, אלע שמנים האט מען מטמא געווען, נאר ס'איז געבליבן "א ביסעלע שמן", פון דעם ביסעלע שמן איז געווארן דער נס! אינגאנצן דעם רבי'נס זאך איז דאך דאס!!

דאס איז געווען בעפאר חנוכה, האט מען איינגעפאסט די תנועה אויף די ווערטער "ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים"!!

דאס וואס עס בלייבט איבער א ביסעלע, דאס ביסעלע אז עס בלייבט איבער - מען קען פארשטיין, אז ס'איז קיין שום שמן נישט געווען אנצוצינדען די מנורה, די חשמונאים האבן זיך שוין מתגבר געווען, מען האט מכניע געווען די יוונים, און ס'איז נישטא קיין שמן! האט מען געפונען א קריגעלע שמן גע'חתמ'ט מיט'ן חותם פון 'כהן גדול', וואס זיי האבן דאס נישט געטשעפט, מען האט עס נישט מטמא געווען, און ס'איז געווארן א נס, מען האט אנגעצינדן די מנורה!

דאס איז דאך אינגאנצן דעם רבי'נס זאך! אז זיי זענען שוין מטמא אינגאנצן אלע שמנים, 'שמנים' איז דאך דער 'מח', דער 'דעת', נאר מיט דעם 'חותם של כהן גדול' בלייבט איבער עפעס! עפעס מוז איבער בלייבן! ווייל דער אייבערשטער פירט אזוי צו, אז עס קען נישט זיין זיי זאלן מטמא זיין אלע שמנים, ס'זאל גארנישט איבער בלייבן, דאס קען נישט זיין! עפעס בלייבט איבער, פון דעם עפעס ווערט צוריק - איז צוריק געווארן א 'מנורה', ס'איז צוריק געווארן - "נעשה נס לשושנים" פון דעם נותר, פון דעם ביסעלע!! (עי' בליקוטי הלכות בהל' ברכות הודאה ו' ובהל' שבת ו').

אז א מענטש לאזט נישט אפ דאס ביסעלע! דאס איז אינגאנצן דעם רבי'נס זאך - אז דאס ביסעלע! כאטש ער איז דיר מטמא, ער רייסט פון דיר שטיקער, אבער דאס ביסעלע וואס איז נאך דא - און א ביסעלע איז דא! ווארום מלמעלה לאזט מען נישט מען זאל צונעמען אינגאנצן, מען לאזט נישט! וויפיל ער פארלייגט זיך, אבער עפעס מוז בלייבן, ס'איז א שמאל 'שטעשקאלע' (דרך צדדית קטנה), אבער עפעס בלייבט איבער! (עי' שיש"ק ב' ס"א). און פון דעם עפעס - דו זאלסט דעם עפעס נישט אפלאזן, דער 'עפעס' זאל זיין ביי דיר חשוב, וועסטו פון דעם עפעס ווערן צוריק - צוריק ווערן א מענטש, וועט צוריק ווערן "נעשה נס לשושנים", דאס איז די גאנצע זאך!!

*

דער מענטש - ער פארלירט זיך, למשל ער זעהט א שמונה עשרה ס'איז נישט אזוי - און ער דערמאנט זיך דארטן - ווי ער גיט זיך א דערמאן! איז - פון איצטערט! פון איצטערט אן!

און אז דו לאזט עס אפ בידיים, איז ממש ער לאזט אפ דאס ביסעלע - - אינגאנצן זיין רפואה איז דאס ביסעלע! ער קען געהאלפן ווערן דורך דער ביסעלע! ער לאזט עס אפ, איז ממש לאזט ער אפ אינגאנצן, אינגאנצן זיין כח לאזט ער אפ!!

דאס איז אינגאנצן דאס התחזקות פונעם רבי'ן, אז דאס ביסעלע זאלסטו נישט אפלאזן, פון דעם ביסעלע - - דאס איז א חסד פון אויבן! ווארום דער אמת איז, אז וויבאלד דער בעל דבר פארלייגט זיך, וואלט ער באדארפט דאס ביסעלע אויך ביי איהם צונעמען, אבער 'מלמעלה' לאזט מען נישט אזוי פיל צונעמען!

איז דאס ביסעלע וואס בלייבט - איז נאר א חסד פון אויבן, און דו לאזט אפ דאס ביסעלע?! לאזטו דאך אפ אינגאנצן - האסטו דאך גארנישט! זאלסט זעהן דאס ביסעלע צוהאלטן ביי זיך, און אביסעלע איז תמיד דא!! ממילא אז תמיד איז דא, האט ער א התחזקות אז ער זאל זיך נישט אפלאזן!

*

רבי נתן שרייבט אין א מכתב (עלים לתרופה מכתב ד"ש); **איך זעה אז דער גאנצער וועלט, וואס איז אזוי - ווייל זיי ליגן אין א 'יאוש'!**[ה] פארוואס ליגט מען אין א יאוש? - - אמאל איז געווען גרויסע ארימעלייט, א ארימאן גייט אראפ פון קעסט, ער גייט ארוים עפעס טוהן, ווערט ער ביי זיך אזוי געפאלן, האט ר' נתן געזעהן גוט, אז דאס 'התחזקות' פונעם רבי'ן האבן זיי נישט, און דער 'יאוש' ליגט! איז ממש מען פאלט! מען פאלט! מען פאלט!

און דאס ביסעלע - - אז מען זאל וויסן אז "**אביסל איז אויך גוט**" (עי' שיש"ק א' תרצ"ז), וואלט מען אסאך ארויס געכאפט, וואלט מען אסאך ארויס געכאפט! אבער אז דאס ביסעלע הייבט אן אנווערן (פארלירן) - דאס ווערט אָן דעם חשיבות, דאס ביסעלע האט ביי מיר נישט קיין חשיבות - ווער איך אָן אסאך.

אזוי ווי קענגן צדקה; "**פרוטה פרוטה מצטרף לחשבון גדול**" (בבא בתרא דף ט' ע"ב). און אזוי איז קענגן רעדן אויך - עפעס א 'ווארט', נאך א ווארט, ווערט א חשבון גדול! וואס איז?! אז צדקה וויל ער געבן אסאך, און א פרוטה איז ביי איהם נישט קיין חשיבות, אבער 'פרוטה פרוטה' וועט ווערן א 'חשבון גדול'! ביי דיר א 'פרוטה' - איז ביים אויבערשט'ן חשוב אזוי ווי ביי יענעם א 'גרויסע מטבע', ווייל דו האסט נישט מערער! דאס אייניגע איז אין עבודת השם אויכעט, א פרוטה, א דיבור, א רצון טוב, לאז נישט אפ! לאז דיר נישט אפ! לאז זיך נישט אפ! ווארום למעלה לאזט מען דיר איבער עפעס, און דעם 'עפעס' דארפסטו נישט אפלאזן!!

---

[ה] ז"ל שם; ... מָה אֲדַבֵּר, אִם אֲסַפֵּר לָכֶם מַה שֶּׁשּׁוֹמְעִין וְרוֹאִין כְּשֶׁעוֹבְרִין וְנוֹסְעִין בָּעוֹלָם, יִקְצְרוּ הֲמוֹן יְרִיעוֹת, כִּי הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וּבִפְנִימִיּוּת לְבָבָם הַכֹּל צוֹעֲקִין בְּמַר נֶפֶשׁ מְאֹד מְאֹד עַל גֹּדֶל הִתְרַחֲקוּתָם מֵהַתַּכְלִית הַנִּצְחִי, אַךְ הֵם "כַּצִּפֳּרִים הָאֲחוּזוֹת בַּפַּח" וְכוּ', וְהַשֶּׁטֶף מַיִם רַבִּים שֶׁל כָּל הַתַּאֲווֹת וְהַמִּדּוֹת, בִּפְרָט טִרְדַּת הַמָּמוֹן וְהַפַּרְנָסָה וְכוּ', הוֹלֵךְ וּמִתְגַּבֵּר בְּכָל עֵת, וְיוֹתֵר מִכֻּלָּם הַצָּרָה הַגְּדוֹלָה מֵהַכֹּל הוּא - מַה שֶּׁרֻבָּם נָפְלוּ בְּדַעְתָּם מְאֹד בְּיֵאוּשׁ גָּמוּר, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ עוֹד לַחֲשֹׁב עַל הַתַּכְלִית כָּרָאוּי, וְאִי אֶפְשָׁר לְהַגְבִּיהוֹ מִכַּמָּה טְעָמִים, וְהָעִקָּר מֵחֲמַת הַמַּחֲלֹקֶת הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר עָלֵינוּ וְכוּ', שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים מֵחֲמַת זֶה לְקַבֵּל וְלִינֹק צוּף דְּבַשׁ אִמְרֵי נֹעַם שֶׁל אֲמָרוֹת טְהוֹרוֹת וְכוּ' שֶׁמְּחַיֶּה וּמֵשִׁיב כָּל הַנְּפָשׁוֹת הַנְּפוּלוֹת...

א מענטש איז פארנומען, א שטוב מיט קינדער, (ער ווערט) פארדרייט! ווערט ער אָן דעם 'עפעס' - ווערט ער אָן 'אינגאנצן'! ווארן דיין זאך איז נאר פון דער "ומנותר קנקנים", פון דעם ביסעלע וואס ס'איז דיר געבליבן, פון דעם ווען סטו זיך אויפשטעלן!

דער בעל דבר זאגט; אז דיר איז שוין גארנישט געבליבן, עה, וואס ביזטו?! דו לערנסט נישט, די דאווענסט נישט, האסט גארנישט! לאז מיר אפ?! ניין! עפעס האב איך נאך! פון דעם וואס עס וועט זיין ביי איהם חשוב - דער 'עפעס', וועט ער זיך צוריק כאפן אינגאנצן, וועט ער זיך צוריק כאפן!

*

דא (בארה"ק) איז אזוי, מערער זענען דא אלץ עובדי השם, ישיבה לייט, ממילא איז מען אינגאנצן מופרש אויף תורה, אבער אין חוץ לארץ - אין אוקריינא - איז דאך געווען אלץ מענטשן - יעדער איינער האט דאך עפעס געטוהן, דארט איז נישט געווען שייך מען זאל נישט טוהן, און ממילא אן ארימאן - ער האט נישט, ער איז ממש פארנומען דעם גאנצען טאג, ער דארף האבן עפעס אפאר גראשן, ער איז דאך א גאנצן טאג פארנומען, אבער דעם 'עפעס' נישט אפלאזן! דעם 'עפעס' נישט אפלאזן!

דער 'בעל דבר' אז ער זעט אז ער קען יענעם נישט אפרייסן אינגאנצן, רייסט ער איהם אראפ פון דעם 'עפעס' אויך, ער זאל דעם 'עפעס' אויך נישט האבן, ווייל ער ווייסט גוט אז אויב ער וועט דעם 'עפעס' נישט האבן - וועט ער גארנישט האבן! דארף מען וויסן אז דעם רבי'נס זאך - דער רבי האט געזאגט; "מען זאל זיך ציהען צו די העכסטע מדריגה - אוודאי, א מדריגה פון דאווענען און לערנען און אפהיטן דער צייט - **און ניט אראפ פאלן פון די נידריגסטע**"!! (עי' שיש"ק ב' ע) וואס הייסט נידריגסטע? אז ממש ער איז פארנומען, פאל נישט אראפ ביי זיך! עפעס כאפ! כאפ! כאפ!

און דאס האט אזא חשיבות ביים אייבערשטן, א מענטש איז אין ענגשאפט, און ער כאפט ארויס א דיבור צום אייבערשטן, ער כאפט ארויס א סעיף אין שולחן ערוך, און ער איז פרייליך דערמיט, ער איז זיך מחיה - ממש ער שטעלט זיך אוועק! און סוף כל סוף וועט ער מאכן גוט!

*

## כאטש 'בלייב נישט שטיין'!...

עס איז דא א ווארט; "אז מען איז אין א בלאטע, איז אריין א פוס - ארויס א פוס"! אז מען איז אין א בלאטע און מען שטעלט זיך אפ - גייט ער טיפער, עס איז א זומפ, גייט ער טיפער! אבער אז "אריין א פוס - ארויס א פוס - דער לעצטער פוס וועט זיין אינדרויסן"! (עי' שיש"ק ב' א'). ווען איז דער לעצטער פוס? איז טאקע לאחר מאה ועשרים, דער לעצטער פוס וועט זיין אינדרויסן!

אונזערע לייט פלעגן זאגן, אז מען שרייט דארט אין תהילים (ס"ט ג'); "טבעתי ביון מצולה ואין מעמד", איז עס דאך א געוואלדיגע געשריי, אבער דער 'ואין מעמד' איז א 'התחזקות'! - איך שטעל

זיך נישט אפ, איך בין אין א 'יון מצולה', אבער איך שטעל זיך נישט אפ, איך שטיי נישט, און אז איך שטיי נישט, וועל איך דאך ארוים!

אבער אז מען שטעלט זיך אפ אין א 'יון מצולה' - זינקט מען, קען מען ממש - - זינקט מען דאך אינגאנצן, איז כאטש 'ואין מעמד', קומט דאך אוים דארטן אז ער קלאגט 'ואין מעמד' - איך קען נישט שטיין דארטן, אזא זומפ איז דאס, אבער טאקע ווייל איך קען נישט שטיין - 'איז גוט'! אז די קענסט נישט שטיין וועסטו ארוים, וועסטו ארוים!

און מיט וואס ארוים? ס'איז דאך אזא זומפ?! מיט וואס די קענסט! מיט א 'דיבור', מיט א 'קרעכץ', מיט א 'סעיף שולחן ערוך'! עפעס - מיט וואס דו קענסט - גייסטו אלץ ארוים פון די בלאטע, מיט וואס דו קענסט![י]

אוודאי, אז מען גייט נישט אריין אין די בלאטע איז בעסער, מאכן א גרויסע טריט - אבער אין די בלאטע קען איך נישט מאכן א גרויסע טריט, איך געב זיך נאר א ריר אין די בלאטע! עפעס! איך קען נישט מאכן קיין גרויסע טריט - מאכן גרויסע שפּאַנען - אזא געדעכטע בלאטע איז דאס! אבער דו געבסט זיך א ריר, שטעלסט זיך נישט אפ, די געבסט זיך א ריר?! ביזטו ארוים פון די בלאטע! ביזטו ארוים! ביזטו ארוים!

*

## דעם אייבערשטנס 'אמת'...

**דער רבי האט אזוי געזאגט; "צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתית איז פאר זיי קארג"!** (חיי מוהר"ן אות ש"י) **אזעלכע מענטשן ווערן מקורב צום רבי'ן, א געוואלד, און זיי זענען געווארן - אויב זיי האבן זיך נישט אפגעשטעלט - זענען זיי געווארן מענטשן!**

אפילו אין מיינע צייטן האב איך געקענט אזעלכע מענטשן וואס זענען געווארן מיט אונז מקורב, לא עלינו - ממש כל עבירות שבעולם, (ואחר שנתקרבו) זענען זיי געווארן גרויסע ערליכע אידן! גרויסע ערליכע אידן! געהאט לעכטיגע פנימ'ער, געווען גרויסע מתבודדים, בכיות פארגאסן, אויסגעוואשן די פנימ'ער מיט טרערן אלעמאל, און זיי זענען געווארן גרויסע ערליכע אידן! פארוואס? נאר מיט 'התחזקות'! איהם האט זיך געדאכט אז ער איז א פארפאלענער, ניין ניין!! נישט! די ביזט נישט פארפאלן! דער אייבערשטער וויל דיר! און דער אייבערשטער וויל דיר, און וויל דיר!

---

[י] עי' ליקוטי הלכות הל' תפילין ה' אות ז', וז"ל ... צָרִיךְ לִזָּהֵר בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר מִבְּחִינַת זִקְנָה, שֶׁלֹּא יָבֹא לִידֵי שׁוּם יֵאוּשׁ ח"ו, שֶׁלֹּא יֹאמַר בְּלִבּוֹ שֶׁכְּבָר נִזְקַן ח"ו בְּמַעֲשָׂיו וְכוּ' עַד שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהִשְׁתַּנּוֹת ח"ו, רַק יִתְחַזֵּק לְהַתְחִיל בְּכָל מַה דְּאֶפְשָׁר וְיַעֲשֶׂה מַה שֶּׁיּוּכַל דָּבָר קָטָן אוֹ דָּבָר גָּדוֹל, אֲפִלּוּ אִם לֹא יוּכַל לוֹמַר כִּי אִם דִּבּוּר אֶחָד מַמָּשׁ בִּתְפִלָּה אוֹ בְּהִתְבּוֹדְדוּת, אוֹ לִלְמֹד מְעַט דִּמְעַט, עַל כָּל פָּנִים יַעֲשֶׂה מַה שֶּׁיּוּכַל, וְיִתְחַזֵּק וִיחַיֶּה אֶת עַצְמוֹ בִּמְעַט דִּמְעַט שֶׁזּוֹכֶה עֲדַיִן לִגַּע בִּקְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל, כִּי עַל כָּל פָּנִים אֵיךְ שֶׁהוּא בְּוַדַּאי הוּא עוֹשֶׂה כַּמָּה מִצְוֹת בְּכָל יוֹם, כִּי אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן, וְצָרִיךְ לִמְצֹא בְּעַצְמוֹ נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת וּלְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּכָל פַּעַם, וְכַמְבֹאָר בַּתּוֹרָה "אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי", (בְּסִימָן רפ"ב), כַּמּוּבָא בִּדְבָרֵינוּ כַּמָּה פְּעָמִים, וּלְהִתְחַזֵּק לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ, וְאַל יְאַבֵּד אֶת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי ח"ו, וְכָל אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדְךָ לַעֲשׂוֹת בְּכֹחֲךָ עֲשֵׂה, וְהָעִקָּר הוּא בְּחִינַת אֲרִיכַת אַפַּיִם הַנַּ"ל, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֲרִיכוּת אַפַּיִם הַרְבֵּה מְאֹד בְּלִי שִׁעוּר...

*

נו, דעם רבי'נס ציון איז געווען - דעם רבי'נס ציון איז געווען א געוואלדיגע כח! אז ער איז געגאנגען צום רבי'ן אויפ'ן ציון דער דאזיגער מענטש - - עס איז געווען א זייגער מאכער פון טעפליק, ער האט געהייסן "ניס'ל", א זייגער מאכער, און ביי די מילטער האט מען איהם געזוכט, ער איז געווען א געזונטער מענטש, האט ער זיך אוים באהאלטן ביי אונז אין שוהל, דארט איז געווען די 'ערי מקלט', ער איז געקומען קיין אומאן.

נו, פארשטייט זיך, מיר זענען געווען צוזאמען מיט איהם דארטן, מיר האבן נישט מורא געהאט, אבער ער האט מורא געהאט, פלעגט ער מיר אלץ וועלן זאגן, אוי! וואס מיט איהם האט זיך איבער געקאכט, זאג איך; דערצייל מיר נישט! איך וויל נישט הערן דיינע זאכן, גיי צום רבי'ן אויפ'ן ציון, דארט וועסטו דערציילן, מיר נישט! איך קען דיר נאר זאגן 'גיי צום רבי'ן אויפן ציון'! אבער מיר זאלסטו נישט דערציילן, איך דארף נישט הערן דיינע זאכן, איך טאר נישט הערן!

ער פלעגט ארויפגיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון, אוי אוי אוי! נישט קיין ווערטל! טייכן טרערן! טייכן! די גאנצע ציון איז געווען באנעצט מיט טרערן - אז ניס'ל איז דא געווען אויפ'ן ציון! און ער איז געווארן אן 'איש כשר', א 'בארד מיט פיאות', און א לעכטיגע פנים געהאט, א אויסגעוויינט פנים, דאס איז א ריכטיגע בעל תשובה דאס!

ער האט נאכדעם געוואוינט אין אומאן, גאנץ וואוילע קינדער געהאט, זי איז געווען - - נעבעך ביז ער האט איר צוריקגעברענגט און געווארן א שטיקל מענטש, זי איז געוואוינט געווען צו אנדערע סארט לעבן, נאכדעם איז א אנדערע לעבן געווארן, ס'איז געווארן א אנדערע שטוב!

און אלץ פארוואס? נאר מיט התחזקות - דער אייבערשטער וויל דיר! דער אייבערשטער וויל דיר! דער אייבערשטער קוקט ארוים אויף דיר!! ווי קען זיין דער אייבערשטער זאל מיר וועלן, איך האב דאך אזוי פיל עבירות געטאן?! איך דארף נישט הערן דיין עבירות! נאר - דער אייבערשטער וויל דיר, דאס איז דאס! דאס איז א וודאי - דער אייבערשטער וויל דו זאלסט זיך אומקערן צו איהם!

נו ביז מען האט איהם ארייגעקלאפט די ווארט אין קאפ אריין - אז דער אייבערשטער וויל דיר אויך, נו נו איז שוין געווארן גוט, איז שוין געווארן גוט!

דאס איז שייך ביי אזא מענטש, און ביי יעדעם איינעם אויך דאס אייניגע, יעדער איינער מיט זיינע נארישקייטן, מיט זיינע תאות, עס דאכט זיך איהם ממש אז ער איז מיאוס, דער אייבערשטער וויל איהם גארנישט, ער איז מיאוס און נמאס, מלא טינופים ולכלוכים, דער אייבערשטער וויל מיר גארנישט, ניין! דער אייבערשטער וויל מיר אויך! ער וויל מיר און וויל מיר!!

*

דאס איז א פסוק אין תהילים (ע"א כ"ב): "גם אני אודך בכלי נבל אמיתך אלוקי", האט רבי נתן אזוי געזאגט 'גם אני אודך' - 'איך דארף דיר אויך לויבן', און דאס איז דיין 'אמת'! דיין אמת איז אז איך

זאל דיר אויך לויבן! ווארום לויט ווי ׳מיין אמת׳ קומט אוים - פארוואס זאל איך דיר לויבן?! נאר ׳דיין אמת׳ איז אז איך זאל דיר אויך לויבן! גם אני אודך ׳אמיתך׳ - אזוי איז ׳דיין אמת׳! איך ווייס נישט פארוואס איך האב א זכיה דיר צו לויבן, נאר דיין אמת איז איך זאל דיר אויך לויבן! (עי׳ שיש"ק ב׳ תק"א).

* * *

## ׳רבונו של עולם, היט מיר די אויגן׳!

איצטער איז א זומער, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן, דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן, א זומער! איצטער האט מען געגעבן א נסיון אויף היטן די אויגן, ס׳איז א געוואלדיגע נסיון! ס׳איז א געוואלדיגע התגברות, א געוואלדיגע התגברות!

דער רבי זאגט אין די תורה פ"ג אין די אנדערע חלק; "אור לארבעה עשר היינו אור שבעינים" ׳ארבעה עשר׳ מיינט מען די ׳שבעה גלדי עינא׳[ז], און צוויי מאל ׳שבעה גלדי עינא׳ איז דאך ׳ארבעה עשר׳, איז; ׳אור לארבעה עשר׳ - דורך די ׳אור עינים׳ - ׳בודקים את החמץ׳! דורך די ׳אור עינים׳ איז מען בודק דעם ׳חמץ׳ - מיינט מען די ׳יצר הרע׳, דער עיקר איז די ׳אור עינים׳!

׳ארבעה עשר׳ איז טאקע בגימטריא ׳דוד׳! ׳משיח׳ - דער אור פון משיח׳ן! מען האלט דאך שוין פאַרט ׳בעיקבתא דמשיחא׳, מען האפט דאך מען וועט געהאלפן ווערן שוין אינגיכן, איז געווארן א התגברות אויף די אויגן! ווייל מיט דעם ׳אור עינים׳ דארף מען אינגאנצן מאכן א בדיקת חמץ, נאר מיט די אור עינים, די גאנצע יצר הרע טוהט מען אוים רוימען דורך די אור עינים!

דער רבי זאגט טאקע דארטן; "ואור העינים מעלין גם כל הבקשות ותחינות אשר יתפללו אל הבית המקדש", אלעם דער אור עינים - איז דא א התגברות אויף די אויגן, א געוואלד, א געוואלד טוהט זיך! וואס איז אונזער עצה?! אונזער עצה איז תפילה! דאס איז די כלי זיין, זאגט דער רבי אין אמור אל הכהנים (תו׳ ב׳), דער עיקר כלי זיין וואס מען נעמט איין מלחמות - איז נאר ׳תפילה׳, בעטן דעם אייבערשטן![ח]

אז מען דארף ארויסגיין - אויב מען דארף גיין! אז מ׳דארף נישט גיין, דארף מען זיך היטן מ׳זאל נישט גיין, אבער אז מען דארף שוין גיין, אז מען מוז שוין גיין - זאל מען צוגרייטן תפילות, צוגרייטן תפילות!

*

[ז] ז"ל שם (מתוך ליקוטי מוהר"ן תניינא תו׳ פ"ג); ... וְאוֹר הָעֵינַיִם מַעֲלִין גַּם כָּל הַבַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת אֲשֶׁר יִתְפַּלְלוּ אֶל הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ, כִּי שָׁם עוֹלִין כָּל הַבַּקָּשׁוֹת וּמִשָּׁם הָאוֹר עֵינַיִם יוֹצֵא, בִּבְחִינַת (מְלָכִים א ט): "וְהָיָה עֵינַי וְלִבִּי שָׁם". וְאוֹר הָעֵינַיִן מְעוֹרְרִין הַגְּאֻלָּה הַתְּלוּיָה בַּלֵּב, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה ס"ג): "כִּי יוֹם נָקָם בְּלִבִּי", כִּי עֵינָיו וְלִבּוֹ שָׁם. וְזֶה בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית א): "וַיִּקְרָא לָאוֹר יוֹם", אוֹר הָעֵינַיִן מְעוֹרְרִין יוֹם נָקָם שֶׁבַּלֵּב, לְבַטֵּל שְׂאוֹר וְחָמֵץ שֶׁל יֵצֶר לֵב הָאָדָם רָע, הַנִּשְׁאָר לוֹ מִנְּעוּרָיו, וּשְׂאוֹר וְחָמֵץ שֶׁבְּלֵב הָאָדָם הוּא הַמֵּסִית אֶת הָאָדָם שֶׁיְּהַרְהֵר אַחַר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבַּדּוֹר וְלוֹמַר זֶה נָאֶה וְזֶה לֹא נָאֶה, בִּבְחִינַת (הוֹשֵׁעַ י): "חָלַק לִבָּם", ׳לִבָּם׳ הֵם עַי"ן בֵּי"ת צַדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, וְזֶהוּ (פְּסָחִים ב): ׳אוֹר לְאַרְבָּעָה עָשָׂר׳, הַיְנוּ אוֹר שֶׁבָּעֵינַיִם, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שְׁנֵי פְּעָמִים שִׁבְעָה גִּלְדֵי עֵינָא, בָּהֶם בּוֹדְקִין אֶת הֶחָמֵץ...

[ח] ז"ל שם; כִּי עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה ... וּמִשָּׁם עִקַּר חִיּוּתוֹ, וְכָל מִלְחֲמוֹתָיו שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבּוּשׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ הַכֹּל מִשָּׁם.

רבי נחמן שטערנהארץ, רבי איציק באבריניצער'ס זוהן, אלץ יונגערמאן איז ער געווען א כלי, ער האט געהאט א גאלינטעריי (חנות קישוטי נשים) דארטן אין באבריניץ, פלעגט ער פארטאגס גיין אין פעלד אריין, ער האט זיך צוגעגרייט, ער האט געשריגן דארט קולי קולות אויפ'ן פעלד, ער דארף - זיין פרנסה איז אזוי - און ער מוז (לעמוד שם בחנות). 'היט מיר אפ' - ער האט געשריגן קולי קולות, פארטאגס אין פעלד געשריגן; דער רבוש"ע זאל איהם אפהיטן!

[אין באבריניץ - נאכדעם איז ער ארויס קיין קראָוואראק, מען האט איהם געזוכט אין רוסלאנד, די לעצטע צייט - אז מען האט געוואוסט פון איהם, האט ער געמוזט בייטן א אנדערע שטאט, טאמער מען איז געוואויר געווארן פון איהם טויג שוין נישט, מוז ער שוין בייטן א אנדערע שטאט, אז מען ווייסט פון איהם הייבט מען שוין אן לאָקערן אויף איהם, בעט מען איהם מיסים, און נאכדעם - ער גיבט נישט די קינדער לערנען אין די שולעס, ער האט זיי נישט געגעבן אין די שולעס, קיין שום קינד, און דארטן - נישט געגעבן אין שולעס דאס איז א 'געוואלד', דארטן אין רוסלאנד. האט ער אריינגעגעבן אז די קינדער זענען געשטארבן, אז נישט האט מען דאך געזוכט, אז די קינדער זענען געשטארבן האט מען אויפגעהערט צו זוכן זיי! (אחד מהנוכחים: הרוצה לחיות ימות את עצמו! איך האב געזעהן אין א בריוו, ר' נאשק'ע טולטשינער, שרייבט ער - ער האט געשריבן קיין אמעריקע צו עמיצער, שרייבט ער, מען זוכט, מען טוהט צרות, און איינער האט געשריבן די קינדער זענען געשטארבן...), יא, דאס איז דער ר' נחמן! אז די קינדער זענען 'געשטארבן' האט מען אויפגעהערט צו זוכן!]

ער איז א גרויסע בעל צדקה געווען, ער איז געווען א גרויסע מתבודד, אין די יונגערע יארן, ארויסגעגאנגען אין די וועלדער, און א גרויסע בעל צדקה געווען!

*

מען האט זיך געראטעוועט, מען האט געוואסט אז ס'איז א מלחמה, און מען דארף זיך צוגרייטן 'כלי זיין', און די 'כלי זיין' איז נאר 'תפילה'! דער רבי זאגט (שם בתו' ב') דער 'כלי זיין' איז אין צווייען; סיי - 'מען הייבט אן פירן א מלחמה', און - 'מען נעמט איין'! דער רבי זאגט; 'מלחמות - וכל הכבישות', פלעגן אוזערע לייט מדייק זיין; 'וכל מלחמתו שיעשה, וכל הכבישות שיכבוש, הכל משם', א מענטש האט צוויי זאכן; איך הייב אן פירן א קריג, 'הייב איך אן פירן א קריג', און ביז איך וועל 'כובש זיין' - איז צוויי זאכן! 'כל המלחמות שיעשה - וכל הכבישות שיכבוש' איז 'הכל משם' - איז אלץ פון תפילה, 'אנהויבן' פירן די מלחמה, און 'כובש' זיין די מלחמה, איז אלץ פון תפילה!

*

דער אייבערשטער האט א געוואלדיגע נחת רוח פון אזעלכע תפילות! איך גלייב אז קיין שום יונגערמאן אין רוסלאנד האט נישט געבעטן די תפילה, נאר א ברסלב'ער חסיד! בעטן תפילות פארטאגס, איידער ער גייט ארויס אין דער קלייט, שרייען צום אייבערשטן ער זאל מיר אפהיטן דעם טאג - איז נאר א ברסלב'ער חסיד, בעטן פארטאגס, שרייען מיט קולי קולות; היט מיר אפ פון קוקע'בצער, פון רעדן דארטן - - וואס ער האט געשריגן דארט צום אייבערשטן - נאר א ברסלב'ער חסיד!

מען האט שוין געוואוסט למעלה, אז פון וואו גייט ארויף אזעלכע תפילות?! נאר פון ברסלב׳ער חסידים גייען ארויף אזעלכע תפלות! פון אן אנדערער גייט נישט אזעלכע תפילות... (ע׳ שיש״ק ו׳ פ״ג).

*

# כי תראה ערום וכסיתו...

ער האט אסאך צדקה געגעבן, אה! און די הכנסת אורחים איז געווען ביי זיי גרוים! ער האט מיר פארציילט אמאל, אז ר׳ איציק זיין טאטע, ער פלעגט זיין א סוחר א ארימאן, ער האט געמאכט אפאר הויזן - אויף ראש השנה וועט ער אנטוהן די הויזן! א גאנצע אנצוג האט ער נישט, איז כאטש אפאר הויזן אויף ראש השנה. דערווייל איז געקומען "ר׳ געצי" - איז געקומען דארטן זומער, האט ער געזעהן ר׳ געצי גייט צוריסענע הויזן, האט ער איהם אוועק געגעבן די הויזן!

ער איז געקומען אויף ראש השנה - ר׳ איציק האט זיך נישט געקענט מאכן קיין אנדערע הויזן, ער האט שוין נישט געהאט קיין געלט - - האט ער געזעהן ווי ר׳ געצי האט אנגעטון אויף ראש השנה די הויזן, האט ער אזוי געזאגט; "**דאס איז דער אמת - די הויזן דארף גיין געצי׳ן, נישט איך**"!! ער אליין האט אזוי צו זיך גערעדט!

מען האט געגעבן צדקה, און ס׳איז געווען א געוואלדיגע אמונה אין די צדקה אויך - מאכן יענעם אפאר הויזן, און צום סוף האט ער אויך נישט געהאט שיינע פאר הויזן אויף יו״ט, און אוועק געגעבן יענעם, און פארשטיין אז דער אמת איז אז יענער דארף האבן די הויזן - נישט איך!

*

ר׳ ישראל קארדונער[ט] איז געווען אין אומאן, און ער איז געווען פון ארץ ישראל מיט א טערקישע טלית, ר׳ ישראל האט געהאט א טערקישן טלית - א שיינעם טלית (בימים ההם), א טלית אליין ׳פאר זיך׳ - און א טלית אויף צו ׳פארקויפן׳, ווייל ער דארף האבן אויף הוצאות. ר׳ געצי האט געזעהן דעם טלית (אמר לעצמו); "אַה, רבוש״ע ווען וועל איך זוכה זיין צו האבן אזא מין טלית"! און ער - ר׳ ישראל - האט געהערט, האט ער איהם שוין אוועק געגעבן דעם טלית! (עי׳ שיש״ק ד׳ שפ״ו).

איך מיין, אזעלכע מענטשן מיט אזעלכע הערצער צום אייבערשטן! א געפיל! אז עס האט זיך געעפענט דאס הארץ איז נישט שייך געווען - (נאר צו זאגן); נו נאדיר! נאדיר!

---

[ט] מספר גידולי הנחל; ר׳ ישראל ב״ר יהודה הלוי היילפרין מקארדאן - התקרב לדעת רז״ל בשנת תרמ״ט, בהיותו עול ימים, ועברו עליו רדיפות ומניעות עצומות ממשפחתו ומאנשי עירו. נסע לאומאן להשתטח על ציון רז״ל, ומשם לר׳ נחמן הרב דטשעהרין שקירבו מאד ודיבר עימו כמה ימים ואח״כ שלחו אל ר׳ משה ברסלבר, תלמיד מהרנ״ת, שהפך מאז לרבו המובהק. יסד יחד עם ר׳ שמשון בארסקי את ישיבת "אנשי מעמד" באומאן, והדפיס בשנות תרס״א-תרס״ג בלעמבערג, רבים מספרי רז״ל ותלמידיו. אח״כ עלה לא״י והתגורר לסירוגין בירושלים, טבריה, צפת ומירון. גם בא״י המשיך ביתר שאת בהדפסת ספרי רז״ל ואנ״ש. יסד בירושלים בימ״ד ע״ש רז״ל ובצפת ומירון חברת "קימת חצות לילה" של אנ״ש. בכל מקום בואו קירב רבים לדעת רז״ל וכל שבורי גוף ונפש מצאו אצלו מקלט. מא״י נסע כמה פעמים לאומאן על ראש השנה ובדרכו ביקר בהרבה מקיבוצי אנ״ש. בקיץ דשנת תרע״ד חזר בפעם האחרונה לא״י ומאז לא יצא עוד עד לפטירתו בשנת תרע״ט. בא״י נולדו לו בן ובת אך נפטרו בילדותם ולא הניח אחריו בנים או בנות בני קיימא. מנו״כ בטבריה ועל מצבת ציון קבורתו נחקק: פ״נ ר׳ ישראל ברסלבר ב״ר יהודה ליב נ׳ ט׳ חשון ש׳ תרע״ט תנצב״ה.

* * *

# תשב אנוש עד דכא - עד דכדוכה של נפש...

ר' מתתי'[1] איז אריינגעגאנגען צו ר' געצי'ן פאר די פטירה, דעמאלטס האט ער נישט געטארט רעדן, ער איז געווען קראנק אויף די לונגען, ער האט נישט געטארט רעדן, די רעדן האט איהם באלד געמאכט בלוטן - - און ר' מתתי' איז אריינגעגאנגען איהם מבקר חולה זיין.

נו ער האט דערזען ר' מתתי'ן פרעגט ער איהם; ר' מתתי' וואס טוהט מען?! וואס טוהט מען?! זאגט ער איהם; מען טוהט תשובה, מען טוהט תשובה! ר' מתתי' האט געזאגט 'מען טוהט תשובה'!! האט ער געווארפן דעם טלית קטן אויפ'ן קאפ און ער האט אנגעהויבן צו - (לבכות ולהתחרט על חטאיו בתשובה שלמה מעומק הלב, ואח"כ כשהעירו לו לר' מתתי') ; ר' מתתי', וואס האסטו געוואלט האבן פון איהם?! דער מענטש קען דאך אויסגיין?! וואס האסטו געטוהן?! (ענה ר' מתתי'); ער פרעגט וואס ער זאל טוהן, זאג איך איהם מען טוהט תשובה! וואס דען?! מען דארף טוהן תשובה, מען דארף טוהן תשובה! (עי' שיש"ק ד' ת"ה).

איי! ס'איז געווען צדיקים, צדיקים!

*

# יזכיר לו יום המיתה... - ר' אברהם דזארגובסקי ז"ל

היינט איז דער יארצייט פון אברהם'ן (דזארגובסקי ז"ל) - רחל'ס מאן (בת ר' געצי הנ"ל, בזווגה הראשון), נעבטן האט דער שווער (הרה"ח ר' יצחק געלבאך, חותנו של השואל ר' משה בינענשטאק שליט"א) געוואלט דאווענען פאר'ן עמוד, ער האט געזאגט אז עס איז דער יארצייט פון זיין שווער (ר' אברהם הנ"ל), ער האט געדאווענט פאר'ן עמוד, ער האט מיר געזאגט עס איז דער יארצייט פון אברהם'ן. (השואל; מען ווייסט ווען ער איז אוועק?) ער איז דאך געשטארבן, מען ווייסט וואו ער ליגט.

(השואל; פון הונגער איז ער אוועק?) ניין ער איז געווען שלאַף [- חולה]. (השואל; ער איז מסתמא געווען א געזונטער מענטש?!) נו, געזונטע מענטשן שטארבן נישט?! "צדיקייא מסתכלין בכל יומא כאילו ההוא יומא מסתלקין מעלמא" שטייט אין זוהר הקדוש! (עי' זוה"ק פרשת ויחי דף ר"כ ע"א), אזוי איז געווען, 'צדיקייא'! ער איז א גרויסע למדן, געווען ער האט געקענט אסאך לערנען - דער ר' אברהם.

(השואל; פון וואנעט איז ער געוועןי?) ער איז געווען א פוילישער, ר' מתתי'ס (ר' מתתי' כהן הנ"ל) א שוואגער, זי (אשת ר' מתתי') איז געווען זיין שוועסטער.

*

[1] מחשובי אנ"ש באומאן, עי' קצת אודותיו בספר שיח שרפי קודש חלק ד' מן אות תק"ט - עד אות תקי"ז.

איך געדענק ווען ער איז צוריקגעקומען פון מיליטער, א הויכער מענטש, א שיינער מענטש, ער איז אנגעקומען צוזאמען מיט 'חכם אהרן' (גבריאלוב ז"ל)[*], זייביידע זענען אנגעקומען - ער (חכם אהרן הנ"ל) ליגט טאקע אין מירון - - שיינע מענטשן, הויכע מענטשן, יונגע מענטשן, אנגעטאהן שיין, מיט א בארד. פון 'קאווקאז' זענען זיי געקומען. און ער זעצט זיך אוועק לערנען גמרא מיט תוספות - ר' אברהם - ער לערנט גמרא מיט תוספות, אזוי ווי א למדן לערנט! ר' געצי איז דעמאלטס געווען, איז ער איהם געפאָלן, און ר' מתתי' איז דאך געווען א שוואגער, הכלל מען האט אנגעהויבן רעדן און ס'איז געווארן די שידוך!

(השואל: ער איז געווארן א ברסלב'ער?) יא יא! ער האט דאך געוואוסט פן ר' מתתי', ער איז געקומען זיך זעהן מיט ר' מתתי' און זיין שוועסטער, ער איז געקומען קיין אומאן זיך זעהן מיט די שוועסטער און ר' מתתי', איז געווארן די שידוך!

געדענק איך, איך בין נישט געווען ביי די חתונה, נאר ביינאכט פון בדיקת חמץ איז געווען די חופה, ר' געצי איז געווען קראנק, ער איז געליגן, האט ער געהייסן מען זאל מאכן די חופה ביים פענסטער אינדרויסן, און ער האט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער ער זאל זעהן די חופה! מען האט געזעהן אז ר' געצי האלט זייער שלעכט, האט ער געוואלט כאטש זיין ביי די חופה, האט מען געמאכט די חופה - די נאכט פון בדיקת חמץ - ביי די פענסטער אינדרויסן, ר' געצי האט געקוקט אינדרויסן האט ער געזעהן די חופה - טאקע ביי דעם ר' אברהם'ן.

ער פלעגט אסאך לערנען, געזעצן אין געלערנט, געשמאק געלערנט גמרא מיט תוספות, ער האט געהאט א ידיעה אין לערנען!

*

ווען איך בין געקומען קיין אומאן, האט ר' מתתי' נאכנישט געוואוינט אין אומאן, עפעס א יאר צייט שפעטער איז ער געקומען, ער האט געוואוינט אין פוילן דארטן אין עפעס א שטעטל. ער איז געקומען פריער אסאך קיין אומאן, נאר ער איז געפארן צוריק, און אין מיינע צייטן איז ער שוין ארויס קיין אומאן אינגאצן, און ער האט שוין געוואוינט אין אומאן. ער איז געקומען קיין ראש השנה - תרע"ה אדער תרע"ו, ער איז געקומען אויף ראש השנה אין זיך באזעצט אין אומאן שוין.

מיר רעדן פון צדיקים! - - -

*

# 'צדיק ולמדן' - ר' מתתיהו מאומאן ז"ל

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געקענט ר' מתתי'?) יא, ער האט נאך פון פריער געקענט, נאך פון פוילן, ר' אברהם פלעגט קומען קיין פוילן. (השואל: ער פלעגט זיצן ביי ר' אברהם?), ער פלעגט אמאל צוגיין, ער איז

[*] ראה אודותיו בספר ימי שמואל ח"ג פרק ל"ט.

געווען א גרויסע מתמיד - ס'איז געווען געוואלדיג, זיין תורה איז געווען אזא 'תורה לשמה' אז מען זעהט עס גארנישט, ווי ר' מתתי' האט געלערנט!

ר' מתתי' איז געווען א למדן עצום, ווען אן אנדערער קען אזוי לערנען וואלט ער שוין געקנאקט אין דער וועלט! ער איז געווען א גרויסער ערליכע איד, מיט אזא מין דביקות, לערנען צום אויבערשטן - ממש תורה לשמה, ר' מתתי' האט געלערנט צום אויבערשטן מיט אזא מין דביקות - מיט א בענקעניץ צום אויבערשטן און געלערנט, ער האט געקענט גוט לערנען!

[ר' נחמן בורשטיין ז"ל שנכח שם מספר לפני רלוי"צ; ר' יצחק קארסינסקע איז געווען אין שפיטאל יעצט, איך בין געווען אין שפיטאל ביי ר' אלחנן ספעקטאר, בין איך דערווייל ביי איהם אויך געווען, הכלל מען האט גערעדט, ער האט פארציילט, ער האט געהאט א פעטער א קארסינסקער, איר האט איהם געקענט? (רלוי"צ: יא, ר' ישראל קארסינסקע, אלע פינף ברודער האב איך געקענט, אלע האבן געוואוינט אין טשערין), האט ער דערציילט אז ער האט געהאט זייער א שווערן תוספות, ער איז געווען א גרויסער למדן, עפעס א שיעור פלעגט ער זאגן ברבים, האט ער געהאט זייער א שווערע תוספות, הכלל, האט ער געפרעגט און געפרעגט, און ס'איז געווען שווער! ער איז געקומען קיין אומאן פרעגט ער ר' מתתי'ן, האט איהם ר' מתתי' געענטפערט דעם תוספות! ער איז ארויס פון התפעלות, זאגט איהם ר' מתתי'; "נישט דאס האט דער רבי געמיינט"!...[יב] ער איז ארויס פון התפעלות - ער האט געפרעגט ראשי ישיבות מיט רבנים, און עס איז געווען שווער, און ר' מתתי' האט איהם פשוט געענטפערט! (עי' שיש"ק ד' תקס"ד, ועיי"ש ג' ת"ט)]

ר' מתתי', א הייליגע מענטש געווען, איי איי! זיין תורה, זיין תורה, און זיין 'לשמה', געוואלדיג, געוואלדיג! מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן, עס האט נישט שייכות אינגאנצן צו דער וועלט, די הנאות פון דער וועלט - אינגאנצן גארנישט שייכות, ממש אזוי ווי א 'מלאך', א מלאך פון אויבן! אזוי אויסגעהייליגט דעם גוף, אזוי הייליג - אז עס איז נישט געווען צו איהם אינגאנצן קיין שייכות ער זאל האבן גאוה! א געוואלדיגער מענטש, א געוואלדיגער מענטש געווען.

ווער עס האט נישט געוואוסט א זאך - ר' מתתי' האט איהם גלייך געענטפערט אין אלעם! אין די ארבעה שלחן ערוך'ס - וואו אימער - טור, שאלות ותשובות, אלעם אלעם! נאר וואס דען - נאכדעם האט ער עס געמאכט אזוי צונישט! עס איז גארנישט - דעם רבין'ס זאך איז נאר 'שרייען צום אויבערשטן' - ווייטער געגאנגען, מאך נישט קיין געשעפטן (לעשות עסק מלמדנות)...

*

[יב] כי העיקר הוא עבודת השם קדושה וטהרה ויראת שמים. עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"א בסופו; ...וּשְׁלֵמוּת הָאָדָם הוּא שֶׁיִּהְיֶה צַדִּיק וְלַמְדָן, כִּי אִם אֵינוֹ לַמְדָן אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד". וְלַמְדָן בִּלְבַד בְּוַדַּאי אֵינוֹ כְּלוּם, כִּי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת לַמְדָן וְרָשָׁע גָּמוּר חַס וְשָׁלוֹם, כִּי לֹא זָכָה נַעֲשֵׂית לוֹ סַם הַמָּוֶת. עַל־כֵּן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לַמְדָן בַּתּוֹרָה וְחָסִיד בְּמַעֲשִׂים טוֹבִים ... וּמִי שֶׁטּוֹעֶה וְסוֹבֵר שֶׁהָעִקָּר הוּא בְּחִינַת לַמְדָן לְבַד, הוּא בְּחִינַת אַחֵר שֶׁקִּצֵּץ בִּנְטִיעוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. וַאֲפִלּוּ הַצַּדִּיק הַגָּמוּר שֶׁהוּא צַדִּיק וְלַמְדָן, כְּשֶׁנּוֹפֵל לִפְעָמִים מִמַּדְרֵגָתוֹ כַּיָּדוּעַ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לַעֲמֹד תָּמִיד עַל מַדְרֵגָה אַחַת, אֲזַי אִם יִרְצֶה לְהַחֲזִיק אֶת עַצְמוֹ בְּמַדְרֵגַת לַמְדָן שֶׁנִּשְׁאַר לוֹ, הוּא לֹא טוֹב, רַק צָרִיךְ לְהַחֲזִיק עַצְמוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם וּנְקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁנִּשְׁאָר בּוֹ עֲדַיִן... (מלשון ליקוטי עצות ערך תלמוד תורה).

ער איז געווען א ארימאן, אבער ער האט נישט געוואלט הנאה האבן פון די תורה! דאס האט מיר דערציילט ר' משה שמואל (ז"ל מאנ"ש באומאן), ער איז ארומגעפארן דארט וועגן געלט, אויפן וועג קיין ארץ ישראל - געוואלט מאכן געלט, איז ער געווען אין א ארט דארטן אין קאווקאז, זענען זיי אריינגעגאנגען צו א רב און געזאגט; זיי ווילן פארן אויף ארץ ישראל, ער זאל זיי העלפן! און דער רב האט געגעבן ר' משה שמואל'ן דארטן עפעס א קליינינגקייט, און פאר ר' מתתי' האט ער געגעבן א גרויסע סכום געלט. זאגט ער איהם; פארוואס גיבט איר מיר עפעס מער פון איהם? (ענה לו הרב הנ"ל); איר זענט דאך א 'תלמיד חכם'! (השיב לו ר' מתתי'); פאר 'תורה'?! פאר תורה נעם איך נישט קיין געלט!!!

זאגט איהם ר' משה שמואל; איך וועל צונעמען! (היינו שיתן לו את הכסף העודף. השיב לו ר' מתתי'); וואס הייסט דו וועסט צונעמען? דאס האט ער מיר געגעבן! וואס הייסט דו וועסט צונעמען?! ניין! פאר תורה נעם איך נישט קיין געלט, אז איר גיבט מיר - גיבט מיר גלייך מיט איהם! ניין, פאר תורה נעם איך נישט קיין געלט! ער האט נישט געוואלט נעמען, ער האט נישט געוואלט הנאה האבן פון די תורה! א מענטש פארט ארום אין וועג און מען וויל איהם געבן מער, זאגט ער; 'ניין', איך וויל נישט נעמען פאר די תורה קיין געלט!

*

(השואל; צום סוף איז ער געפארן אין ארץ ישראל?), ניין, מען האט נישט דורך געלאזט. ער האט געוואלט פארן אויפ'ן יבשה דורך איסטאנבול, דורכ'ן ים איז דאך געווען פארמאכט, די רוסן האבן דאך נישט געלאזט, פון יבשה קען מען זיך אדורך גנב'נען א גרעניץ קיין איסטאנבול, און איסטאנבול איז דאך שוין א אנדערע מדינה - טערקיי - וועט מען שוין קענען קומען קיין ארץ ישראל פון דארטן, אסאך מענטשן האבן זיך אדורך געריסן, אין איין מענטש האבן די רוסן גע'הרג'עט, זיי האבן געזעהן דארט אז ס'איז שלעכט - זענען זיי געקומען צוריק.

*

אבער ער איז געווען דארטן אין די קאווקאז, זענען זיי גרויסע נדיבי לב - די בוכארע'ר, ווען זיי זעהען א איד א תלמיד חכם, זענען זיי מכבד, האבן זיי איהם גוט געקענט פון אומאן אז ער איז א תלמיד חכם, האבן זיי איהם געגעבן מערער, און ער האט נישט געוואלט נעמען - 'פאר תורה נעמט מען נישט קיין געלט'! כאטש על פי דין האט ער געמעגט נעמען, על פי דין האט ער געמעגט נעמען פאר תורה אויך, אבער ער האט נישט געוואלט נעמען! א ירא השם געווען - זיי האבן מקיים געווען 'יראי השם יכבד'.

נאר אז זי איז געווען שלאַף, האט ער גענומען געלט פאר איר, דאס איז נישט פאר קיין תורה, זי איז געווען שלאַף - מען דארף איר ראטעווען, האט ער גענומען פאר איר!

ר' מתתי', ר' מתתי', אה! מען האט איהם אויסגעהאלטן, מען האט איהם געגעבן חשיבות, אסאך מאל פלעגט מען איר געבן די געלט, נישט איהם... (השואל; ס'איז געווען אמאל ערב ראש השנה האט ער

צוריקגעווארפן די געלט - -), איינמאל איז געווען דאס, יא, האט מען איר געגעבן, 'גיבט מיר, איך וועל נישט אוועק ווארפן', האט מען איר גגעבן די געלט...

*

ער איז געווען א הייליגע מענטש, ממש געווען א צדיק, אזוי ווי דער רבי זאגט אין תורה ל' - א 'צדיק ולמדן', ר' מתתי'! ער פלעגט תמיד ארומגיין אין שוהל אזוי - מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן, ממש דבוק אינעם אויבערשטן, מיט א תשוקה צום אויבערשטן ארומגעגאנגען!

(השואל: ער איז שוין געווען א עלטערער מענטש?) ניין, ער איז געווען עלטער פון מיר מיט א זיבן אכט יאר, אפשר צעהן, מער געווים נישט.

מיט'ן איהם אנקוקן אליין, האט מען שוין געזעהן דעם אידן - אז ס'איז עפעס א איד פון 'עלמא דאתי', א איד פון 'עלמא דאתי', א געוואלדיגע הויכער סארט מענטש געווען!

*

## ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ...

(אחד הנוכחים: איר האט אמאל דערציילט אז ר' משה שמואל איז געגאנגען מיט איהם צום ציון ביי חצות, און ס'איז געווען הינט - - -), יא יא, אוודאי, דער רבי זאגט דאך אזוי אין תורה נ'; דער וואס האט פוגם געווען זאל זיך היטן 'מכלבים וחרב' - זאגט דער רבי אזוי - 'מי שפגם בבריתו ישמור את עצמו מכלבים ומחרב'! האט מיר ר' משה שמואל דערציילט; ער איז געגאנגען (צום ציון), דארטן איז געווען אזעלכע הונט - אקעגן דעם רבין'ס ציון - אזוי ווי לייבן, זיי זענען געווען געבינדן אין קייטן, און ביינאכט אז מען האט אפגעריסן די קייטן איז געווען ממש א סכנה זיי זאלן הרג'ענען א מענטש. איז ר' משה שמואל געגאנגען אמאל אויפ'ן ציון, און ס'האבן זיך אפגעלאזט די הינט, האט ער געגעבן קולות, אזוי ווי ער האט איינגעלייגט די וועלט - - - נאכדעם איז געגאנגען ר' מתתי', איז די הונט אנטלאפן! ר' משה שמואל האט דאס אונז דערציילט אין שוהל; 'איך בין געגאנגען זענען מיר די הינט באפאלן - געוואלט צורייסן מיר, ער איז געגאנגען - זענען אנטלאפן די הינט'!

האט מען געזעהן וואס דער רבי זאגט דארט, דעם רבין'ס ווערטער, אנטלאפן! ער איז א הייליגע מענטש געווען, ער איז גארנישט שייכות געווען אינגאנצן- -

דער רבי זאגט אין תורה נ"ז[ג], אז זיי האבן מורא פארן 'פנים', אז דער עיקר מורא וואס זיי האבן מורא איז נאר פארן 'צלם אלקים' וואס איז דא אויף איהם, אז ער האט דעם צלם אלקים איז דער מענטש א מענטש - דעמאלטס האבן זיי מורא, אבער אז מען גייט ארויס פון 'גדר אדם לגדר בהמה', גייט אוועק די צלם אלקים, האבן זיי נישט קיין מורא!

---

[ג] ז"ל שם; ... כִּי עִקַּר הַמּוֹרָא שֶׁמִּתְיָרְאִין מִן הָאָדָם, בִּבְחִינַת "וּמוֹרַאֲכֶם וְחִתְּכֶם", אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי הַצֶּלֶם אֱלֹקִים שֶׁבִּפְנֵי הָאָדָם, וְעַל יְדֵי הַצֶּלֶם, הָאָדָם הוּא אָדָם. וּכְשֶׁסָּר צֶלֶם, אֲזַי יוֹצֵא מִגֶּדֶר אָדָם לְגֶדֶר בְּהֵמָה, וְאָז סָר מוֹרָאוֹ. וְעִקַּר הַצֶּלֶם הַמֵּאִיר בִּפְנֵי הָאָדָם, הִיא חָכְמוֹת הַבּוֹרֵא, שֶׁנָּתַן לָאָדָם יִתְרוֹן עַל הַבְּהֵמָה, הִיא הַמְּאִירָה בִּפְנֵי אָדָם, בִּבְחִינַת: "חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו" ...

אבער דאס איז דער זאך, א מענטש איז אזא הייליגע מענטש, אזא זאך, און מאכט פון זיך גארנישט - א שטיקל בלאטע ביי זיך!

ר' מתתי' האט נישט באמערקט, ר' משה שמואל האט געגעבן קולות - די גאנצע גאס האט אייגעהילט פון די קולות וואס ער האט געשריגן! און אז דר' מתתי' גייט - לויפן זיי אוועק, און 'גארנישט', דארף דאך א מענטש - - - 'גארנישט' מאכן דערפון?! עפעס א התפעלות, עפעס א גרויסקייט - ער איז געווען ביי זיך א שטיקל בלאטע, גארנישט!

עס איז געווען אזעלכע כלבים רחמנא ליצלן, די שכנים - די גוי'שע שכנים - פלעגן זיי פארבינדן מיט א קייט, אבער טאמער האבן זיי זיך אפגעריסן פון די קייטן זאל דער אויבערשטער אפהיטן, זאל דער אויבערשטער אפהיטן וואס ס'איז געווען, געוואלדיג, ס'איז געוואלדיג געווען - - - (כאן חסר קצת)

* * *

# הבעל כח הגדול...

מיר האבן א 'מליץ טוב' - 'א גוטער מליץ', אוודאי וואס מען לערנט מער זיינע ספרים, מען טוהט מער אין זיינע עצות, און מען רעדט מער פון איהם, איז אוודאי זיין זכות מער מגין! יעדער איינער וואס איז 'נקרא על שמו', ווייסט דאך אז איננאנצן זיין תקוה לעתיד וועט נאר זיין דורכן רבי'ן! נו דארף מען אבער זעהן וואס מען קען האבן עפעס מער שייכות, מער שייכות צום רבי'ן!

רבי נתן האט אמאל גערעדט פונעם כח פונעם בעל דבר, האט ער זיך צעוויינט; מען האט איהם געגעבן מלמעלה אזא מין כח (להבעל דבר), אזא מין כח האט ער, א געוואלדיגע כח, - האט ער זיך צעוויינט. נאר וואס דען - דער כח פונעם 'צדיק' איז נאך שטערקער![יד]

אבער דערווייל האט ער א געוואלדיגער כח, מען האט איהם געגעבן א כח, א געוואלדיגן כח, ער פירט אזא וועלט, דער גאנצער וועלט פאר'סמ'ט ער אפ, ער כאפט זיך אריין אין דער גאנצער וועלט, און ער האט זיך אריינגעבאפט שוין אין די ערטער אויך! נאר וואס דען - ס'איז דא אזא מין צדיק וואס האט אזא מין כח, און זיין כח איז גרעסער פון זיין כח, מען דארף האבן אמונה, גלייבן! ווייל בפועל ממש זעהט מען נישט, דארף מען האבן אמונה - וויפיל ער איז שטארק (הבעל דבר, אבער) דער כח איז גרעסער! ממילא אז דער כח איז גרעסער קען מען זיך איינשטעלן, אז איך האב אזא מין כח - - -

* * *

[יד] עי' עלים לתרופה מכתב מיום ד' תצוה תקס"ה; ...וּבֶאֱמֶת עַל פִּי דֶּרֶךְ הַטֶּבַע אֵין אָנוּ יוֹדְעִים שׁוּם דֶּרֶךְ אֵיךְ לַעֲמֹד כְּנֶגְדָּם, וְגַם לְהִתְפַּלֵּל וְלִצְעֹק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַף עַל פִּי שֶׁבָּזֶה אָנוּ עוֹסְקִים קְצָת, אֲבָל אֵין אֶחָד בֵּינֵינוּ שֶׁיּוּכַל לַעֲמֹד בִּתְפִלָּתוֹ כְּנֶגֶד הִתְגָּרוּת כָּזֶה אֲשֶׁר הַס"ם בְּעַצְמוֹ חָגַר מָתְנָיו וְחָרַק שִׁנָּיו עָלֵינוּ, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן אָנוּ מְחֻיָּבִים לַעֲשׂוֹת שֶׁלָּנוּ, לִצְעֹק וְלִזְעֹק לְהִתְחַנֵּן לְפִי כֹּחֵנוּ, וַה' שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה, אַךְ עִקַּר בִּטְחוֹנֵנוּ הוּא רַק עַל כֹּחַ תְּפִלַּת הַזָּקֵן שֶׁבַּזְּקֵנִים, הָעוֹסֵק בְּזֶה הָעֵסֶק שֶׁלָּנוּ לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, אֲשֶׁר עַל שְׁמוֹ הַקָּדוֹשׁ נִקְרָאִים 'בְּרֶסְלְבֶר חֲסִידִים', הוּא הִתְחִיל הוּא יִגְמֹר, כְּמוֹ שֶׁאָמַר "אִיךְ הָאבּ אוֹיס גִּיפִירְט אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיס פִירִין", וְעוֹד אָמַר דִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים כָּאֵלֶּה, וַאֲנִי מַאֲמִין גַּם עַתָּה בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁבְּוַדַּאי יִגְמֹר הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ...

(השואל: וואס מיינט דער רבי אין חיי מוהר"ן - אות תפ"ה, אז א גוטע קאפיטל תהלים איז אזוי ווי 'פאנטש', וואס מיינט דער רבי 'פאנטש'?), א 'פאנטש' איז אז מ'נעמט געקאכטע וויין מיט צוקער און מען מאכט אזא מין משקה - אמאל איז געווען גוטע וויין, מען גיסט אריין אין סאמאוואר, מען קאכט מיט צוקער, ס'איז א גוטע משקה! 'א גוט קאפיטל תהלים איז אזוי ווי א פאנטש'! א גוט קאפיטל תהלים!

(אחד מהנוכחים: נאכאמאל שטייט 'פאנטש', ווען דער רבי'ן'ס טאכטער איז געווען קראנק, ווען זי האט געהאט האט דער רבי געהייסן מאכן א פאנטש - חיי מוהר"ן אות קנ"א), יא, ביים רבי'ן איז געווען א שמחה אז זי (בתו שרה ע"ה) האט שוין געבוירן, מען האט א נאמען געגעבן דאס קינד 'ישראל', ער האט געהייסן ישראל בן שרה, דעם בעש"ט הקדוש'ס נאמען איז דאך אויך ישראל בן שרה (עיי"ש בחיי מוהר"ן).

* * *

מיר שטייען בי אזעלכע אורות, ביי אזעלכע כוחות, ביי אזעלכע לעכטיגקייטן, און מען האט נאך גארנישט גענומען פון דארטן! מען האט נאך גארנישט פארזוכט, 'תורת ה' תמימה'! [טו] דער תורה איז נאך גאנץ אינגאנצן, מען האט עס נאך נישט אנגערירט, מען האט עס נאך נישט געטשעפעט, מען האט נאך נישט גענומען פון דארטן!

דער לומדות פון דער תורה איז אודאי זייער גוט, נאר וואס דען - מען דארף וויסן אבער די 'כח' פון תורה, דער תורה האט א כח 'המאור שבה מחזיר למוטב', דער כח וואס ליגט אין די תורה - דעם כח דארף מען נעמען! און דעם כח דארף מען נעמען - נאר דורך 'תפילה' נעמט מען ארויס דער כח פון די תורה! 'בראתי יצר הרע, בראתי תורה תבלין', די תורה האט א כח, דער כח איז טאקע פון די תורה, נאר דער כח מוז מען נעמען דורך תפילה! (עי' ליקוטי הלכות הל' יין נסך ד' אות י"ט, ועוד).

* * *

(השואל: 'פּאָקען' [אבעבועות] איז די איינציגע זאך וואס דער רבי האט געהייסן גיין צום דאקטער?), יא אפילו ווינטער, דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין רפואות, נאר 'פאקן' יא, אפילו ווינטער! (פארוואס?) דאס האט דער רבי געהאלטן! אזוי איז געווען - אז מען זאל שטעלן א קינד 'פאקן' אפילו ווינטער אויך! (עי' אבני"ה ברזל שיחות וסיפורים מרבינ"ל אות ל"ד). (השואל: וואס איז דאס 'שטעלן פאקן'?), זיי טוען אריין פון דעם אליין, פאר עטליכע טעג ווערט געשוואלן די האנט שטארק, דאס קינד האט געוואלדיגע יסורים - דריי טעג - ביז די פאקן גייען ארויס, דריי טעג שטייען די פאקן ביז זיי פארגייען, ס'איז געוואלדיגע יסורים, אבער ס'איז א גרויסע רפואה, און דאס האט דער רבי געהאלטן מען זאל טאן פאר'ן קינד!

(השואל: פארוואס, ווייל ס'איז געווען בדוק ומנוסה?), אזוי איז, שוין!

און דאס מאכט מען זומער, ס'איז ווארעם, און דער רבי האט געזאגט אז ווען עס קומט דארטן די צייט, זאל מען שיקן דעם קינד מאכן - אפילו ווינטער אויך! (השואל: וואס איז פשט אז עס קומט דער צייט?),

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן תנ' מ"ט: וְזֶה תּוֹרַת ה' תְּמִימָה, שֶׁהִיא תּוֹרָה דְּעַתִּיקָא, שֶׁהִיא תְּמִימָה עֲדַיִן, שֶׁעֲדַיִן לֹא הִשִּׂיגוּ מִמֶּנָּה כְּלוּם. ועי' ליקוטי הלכות קידושין ג' אות כ"א.

דארטן איז דא א זמן וואס דעמאלטס דארף מען צושטעלן דעם קינד, און דער זמן אז ס'קומט אן אין ווינטער, זאל מען שטעלן - אפילו ווינטער אויך, אנדערע ווארטן אויף זומער ביז עס ווערט ווארעם, און דער רבי האט געזאגט אפילו ווינטער אויך! (אחד הנוכחים: דער רבי האט געזאגט שארף, אז דאס הייסט 'שופך דמים' אז מען לאזט נישט שטעלן פאקן?), יא, אסאך חולאת'ן נעמט זיך פונעם קינד אויב מען שטעלט נישט קיין פאקן.

א ווארט איז דא - אן אוקריייניש ווארט איז דא ביי אונז; 'דו האסט נאכנישט געפּאָקט און געמאָזלט'! דאס הייסט; עס איז נאך אויף דיר נישט איבערגעגאנגען קיין סאך, 'האסט נאכנישט געפּאָקט און געמאָזלט'...

(השואל: "מאזלען" [אדמת] האט דער רבי אויך געזאגט צו שטעלן?) דאס ווערט פון זיך אליין, דער קינד דארף מאָזלען, בשעת עס קומט די מאזלען דארף מען זייער היטן דאס קינד מען זאל נישט גיין אינדרויסן.

* * *

# "ארץ ישראל"...

(השואל; ס'איז געווען עפעס אן אייניקל פון רבי נתן וואס איז געקומען וואוינען אין ארץ ישראל, און ער איז אוועק דא, זיי האבן געזאגט ווייל ער איז געקומען קיין ארץ ישראל און ער האט אפגעלאזט דעם רבי'ן - שלא היה על ראש השנה, האט ר' אברהם בן ר' נחמן'ס געזאגט 'פונקט פארקערט', ער איז געקומען אהער אויף צו נפטר ווערן - - -) יא, ר' איציק'ס (באבריניצער) טאטע, אוודאי, ער איז געקומען צו פארן 'אלול' (לארץ ישראל), און ער איז נפטר געווארן 'חול המועד סוכות' - 'ר' נתן ר' נחמן'ס"[טז] - ער איז אוועקגעפארן אלול, פאר ראש השנה. האבן זיי געזאגט (איזה מאנ"ש בחו"ל); אלול?! בעפאר ראש השנה פארט מען אוועק?! האט ער געזאגט; 'איר קענט מיר גיבן א 'גאראַנטי' (ערבות) אז איך וועל קענען פארן שפעטער?! - - -

ער איז אלט געווען זיבעציג יאר, און דארטן האט דאס געהייסן אריכת ימים שוין, 'איר קענט מיר גיבן א גאראנטי?! און חול המועד איז ער נפטר געווארן!

[ר' יוחנן (גאלאנט ז"ל) פלעגט לערנען מיט איהם, ר' יוחנן האט געלערנט מיט איהם אין אומאן, ער איז דאך געווען א טראהוויצער - דער ר' נתן ר' נחמן'ס, נאכדעם האט ער געוואוינט אין באברייניץ א שטיקל צייט, נאכדעם איז ער געזיצן אין אומאן שוין, און ר' יוחנן פלעגט איהם ברענגען א 'קאכל טיי', האט ער מיט איהם געלערנט, ר' יוחנן איז געווען אין אומאן אליין בחור נאך, ער האט זיך געוואלגערט אין אומאן אסאך יארן].

(השואל; ער איז געווען א למדן, דער ר' נתן ר' נחמנ'ס?) יא, א גרויסע למדן!

(השואל; אויף איהם זאגט מען 'וואו עס איז דא א פארוקטע ילקוט האט ער געזאגט' [כל איפוא שיש מדרש חז"ל בלתי ידוע היה הוא יודע]) - דו מיינסט ר' נחמן ר' ברוך אפרים'ס?!

---

[טז] מספר גידולי הנחל; ר' נתן ב"ר נחמן מדימיטריווקע - בנו של ר' נחמן בן מהרנ"ת, וחתנו של ר' שמואל פיקסלער, למדן עצום ות"ח מופלג. בחודש אלול דשנת תרע"ב, בהיותו כבן שבעים שנה, עלה לא"י ונפטר בסמוך לאחר מכן בחוה"מ סכות תרע"ג, ומנו"כ בהר הזיתים. בניו: ר' דוד, ר' משה, ר' אהרן, ר' יצחק מבאברייניץ, ועוד בן.

*

(השואל; וואס האט מען געזאגט אויף ר' נחמן ב"ר דוד צבי, ר' נשקע'ס א פעטער, זיין פאטער'ס א ברודער?) איהם האט מען גערופן 'דער אלשיך' - ער האט געקענט אלשיך אויסעווייניג! און ער איז געווען א גרויסע בעל בכיה - ר' נחמן ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק, אן 'אור איי'ניקל' פון ר' נתן - ער איז געווען א גרויסע בעל בכיה!

ער איז נעבעך אויך געליגן געלעמט עטליכע יאר איידער ער איז נפטר געווארן, איך בין אריינגעקומען צו איהם מבקר חולה זיין אין טולטשין, זעהן אזא איד, דער מח האט געארבעט, דער מוח איז געווען א מוח! ער האט זיך צעוויינט; 'דאס איז מלא רחמים, דאס איז מלא רחמים'! מען זאגט דארט א הזכרה דארטן ביי א לוי' - אלע וויינען, און מען רופט זיך אן 'קל מלא רחמים', דאס איז 'מלא רחמים' - האט ער געזאגט אויף זיך, 'דאס איז מלא רחמים'! ער ליגט דאך נעבעך געלעמט - און דאס איז מלא רחמים!

אז א מענטש גייט איבער יסורים און ער זאגט אז 'דאס איז מלא רחמים' איז דאס א גרויסע זאך! דאס איז מלא רחמים, דאס איז מלא רחמים!

[ער איז געווען א זיבעציגער, דאס האט געהייסן א זקן. ר' דוד צבי (אביו, בנו של ר' יצחק בן מוהרנ"ת) איז אלט געווען זיבן און אכציג יאר, ר' אייזיק (מאומאן ז"ל) איז אלט געווען ניין און אכציג יאר, דאס זענען געווען די זקנים אונזערע...]

*

(חוזר לסיפור הנ"ל של ר' נתן ב"ר נחמן שעלה לארץ ישראל) - - - האבן זיי געזאגט; אז ווייל ער איז געקומען אהער דא (לארץ ישראל) דערפאר איז ער אוועק - ר' נתן ב"ר נחמן. האט ר' אברהם ר' נחמן'ס דאס אויסגעלאכט, ער האט געזאגט פונקט פארקערט; אז ער האט געהאט א זכיה, (ווייל אויב נישט) ער וואלט געבליבן דארט...

[ר' אליהו חיים (רוזין ז"ל) האט געקויפט א פלאץ לעבן איהם, און ר' הערש לייב (ליפל ז"ל) האט א פלאץ לעבן ר' נחמן ר' ברוך אפרים'ס].

ער איז געווען א הויכער סארט מענטש - דער ר' נתן ר' נחמן'ס, א געוואלדיגער מענטש געווען, ער האט חתונה געהאט צו דרייצן יאר, ער איז געווען ר' שמואל פיקסלער'ס אן איידעם.

מען דארף האבן א זכיה - אוועק צו פאר'ן אויף אלול און נפטר ווערן חול המועד סוכות! 'זיי' האבן אלע געזאגט צו איהם; 'אלול פארט מען אוועק פון אומאן'?! אלול אוועק געפארן?! - - -

יענע יארן איז געווען ראש השנה געוואלדיג! אפילו אין מיינע צייטן, איך האב נאך פארכאפט ראש השנה, פארכאפט א געוואלד, א געוואלד! ממש געווען אפענע הימלען, געווען אפענע הימלען! געוואלדיג געווען - מיינע צייטן נאך! אבער נאך פריער נאך איז אוודאי געווען!

ער איז נפטר געווארן א יאר צוויי איידער איך בין געקומען קיין אומאן, דאכט זיך מיר א יאר פריער, די לעצטע יארן האט ער געוואוינט אין אומאן.

(השואל: פארוואס האט ער זיך טאקע אויסגעקליבן אלול?) ס'איז איהם אנגעקומען א 'בענקעניץ' צו פארן קיין ארץ ישראל, און ער האט נישט געוואלט קוקן אויף קיין שום זאך, איז ער אוועקגעפארן און שוין!

דאס איז דאך נישט דא וואס צו רעדן, 'למען ירבו ימיכם על האדמה', איז דאך ארץ ישראל מסוגל אויף אריכת ימים! (עי' גמרא ברכות דף ח' ע"א). זאל איך זאגן אז ווען ער זאל נישט אוועקפארן וואלט ער מער געלעבט?! דאס איז א געלעכטער! ווען ער זאל נישט פארן, וואלט ער ווען געליגן אין חוץ לארץ! אזוי ליגט ער אין ארץ ישראל - ער ליגט אויפ'ן הר הזיתים!

* * *

# קיבוץ בראש השנה - כאיש אחד בלב אחד

(השואל: ביי איהם איז געווען די מעשה אז מ'האט אוועקגעגעבן זיין פלאץ ראש השנה?) ביי ר' איציק (באברינצער) איז עס געווען, רבי נתן'ס 'שטאָט' (מקום ישיבה בביהכנ"ס) - רבי נתן האט געהאט א 'שטאָט', ר' יצחק (בן מוהרנ"ת) איז געווען א פארמעגליכער, האט ער געקויפט א שטאט אין קלויז, אבער ר' נחמן (בן מוהרנ"ת) איז געווען אן ארימאן, האט ר' נחמן גענומען רבי נתנ'ס שטאט, רבי נתן איז נפטר געווארן, האט ר' נחמן זיין זון געדאווענט אויף רבי נתנ'ס שטאט, און אז ר' נחמן איז נפטר געווארן האט געדאווענט דער זון ר' נתן ווייטער - האט ער געדאווענט אויף די שטאט פון רבי נתן'ען.

איז אנגעקומען די טשעהרינ'ע גבירים - ס'איז געווען איינער פון 'זירין' - א שטעטל נעבן אומאן - איינער ר' נחמן זירינ'ער, און ער איז געווארן אן עושר, אבער ער האט נישט געהאט קיין שייכות צו די גאנצע זאך, ער איז געווען אן איש כשר - דער ר' נחמן זירינ'ער, נאר די טשעהרינ'ער גבירים האבן איהם אוועקגעגעבן די שטאט, (בהטעימם): 'ר' נתן איז אן ארעמאן, און ר' נתן איז געווען אן עניו, וועט ער גארנישט מאכן זיך'!... האבן זיי איהם אוועקגעגעבן די שטאט, זיי האבן גענומען - צו זכור ברית - צוגעשטעלט דעם ר' נחמן זירינ'ער אויף דעם שטאט, איך ווייס נישט צו ער האט אינגאנצן געוואוסט אז דאס איז ר' נתן'ס שטאט, איז ער צוגעגאנגען דארט און געדאווענט.

און ר' איציק איז דאך געווען אויפ'ן ציון, ער איז געווען אַן עובד, איז ער אנגעקומען אינמיטן זכור ברית - אראפגעקומען פונעם ציון, אפגעארבעט א נאכט דארט אויפ'ן ציון, זעהט ער אז דער טאטע שטייט אין די זייט און ר' נחמן זירינ'ער שטייט אויפ'ן טאטנ'ס שטאט - ביי דעם ר' נתן ר' נחמן'ס איז עס געווען. איז ער צוגעגאנגען און געזאגט; 'דאס איז דעם טאטנ'ס שטאט פונעם זיידן'! (זקנו מוהרנ"ת ז"ל). איז ער געגעבן גלייך א גיי אוועק און זיך געזעצט אויף אן אנדערן פלאץ, און ר' נתן איז צוריקגעגאנגען צו דעם שטאט.

די טשעהרינער האבן געזעהן דאס דאזיגע, ווי דער ר' איציק א אינגערמאן ברענגט צוריק ר' נתן צום שטאט, איז ווען ס'איז געקומען צו מנחה האבן זיי נאכאמאל צוגעשטעלט ר' נחמן זירינ'ער -

נאכאמאל אויף דעם שטאט. נו, און ר' נתן האט געוואוסט אז ר' איציק איז אן עובד - א גאנצן טאג איז ער געווען ביים רבי'ן אויפ'ן ציון - און אז ער וועט אנקומען פונעם רבינ'ס ציון מיט א התלהבות, וועט ער צוגיין און איהם ווייטער געבן א טרייב אוועק, האט ר' נתן אפגעווארט דעם זון איידער ער איז אנגעקומען, און איהם געזאגט; "איציק, מיר האבן בקבלה פונעם רבי'ן - אז מען מאכט א מחלוקת אויף ראש השנה לעבט מען נישט אוים דאס יאר! טשעפע נישט!!ד!"

שוין, האט ער באווארנט ער זאל גארנישט טוהן - אז דער טאטע האט אזוי שארף געזאגט, האט ער גארנישט געזאגט, איז ער געשטאנען דעם ראש השנה!

און 'ער' איז נפטר געווארן באלד נאך ראש השנה - דער ר' נחמן זירינ'ער - ער איז נפטר געווארן באלד! האבן אונזערע לייט געזאגט; אז די טשעהרינ'ער גבירים - זיי האבן איהם ערלעדיגט!

כאטש ער איז געווען אן איש כשר, ער האט גארנישט געוואוסט קיין שום מעשה, נאר פון דעסטוועגן - ער האט דאך פארשטאנען שוין, מען האט איהם געהייסן אוועקגיין ביי זכור ברית, האט ער געדארפט פארשטיין!

פון דעם האבן מיר א דיבור - "ראש השנה זאל מען היטן פון מחלוקת'ן", ראש השנה זאל מען זיך היטן פון מאכן מחלוקת! (עי' שיש"ק ד' תמ"ב).

* * *

# 'דינא קדישא' - ר' יצחק באבריניצער ז"ל

(השואל: ר' איציק באבריניצ'ער האט געהאט שייכות מיט ר' אברהם ר' נחמנ'ס?) יא! 'באבריניץ' בכלל - איז געווען די פלאץ פון ר' אברהם ר' נחמנ'ס! דארטן אז ער איז געקומען האט ער געהאט מקבלים, און 'מתבודדים', ער האט געהאט - ער האט געקענט רעדן, ער האט געהאט אויערן אויף צו הערן! ר' מרדכי עליו השלום[י], ר' איציק, די קינדער, אלע זענען געווען מיט ר' אברהם ר' נחמנ'ס א שייכות!

אז ער איז געקומען קיין באבריניץ איז געווען יום טוב, יום טוב, מען האט מהנה געווען זייער שיין! מען האט זיך געריסן איבער איהם, מען האט זיך געבעטן - ס'איז געווען א זכי' - ער זאל אריינקומען אין שטוב אריין, און ער האט גערעדט - אז ער האט געהאט מיט וועם צו רעדן האט ער גערעדט!

*

איך בין געווען אין טשעהרין און ס'האט מיר קיינער נישט געגעבן עסן, קיינער האט מיר נישט גערופן, אבער אין 'באבריניץ' האט מען זיך אויך געריסן איבער מיר, איך בין געווען אן אורח ביי ר' מרדכי ע"ה, האט ר' איציק געבעטן ביי ר' מרדכי'ן; "גיב מיר איהם כאטש אויף איין סעודה - אויף איין סעודה"!, (ענה לו); ביי מיר אין שטוב ווילסטו צונעמען אן אורח?! האט ער קוים גע'פועל'ט אויף

[י] ראה אודותיו בספר שיח שרפי קודש ד' אות רצ"ב, ואות תנ"ג - תנ"ז, ועוד.

מוצאי שבת - אויף מלוה דמלכה, קוים איין סעודה, אויף מלוה דמלכה האב איך גענעסן ביי ר' איציק'ן.

דעמאלטס האב איך טאקע געזעהן; ביינאכט, ער איז אויפגעשטאנען חצות, איז געווען ממש א 'שוהל' - א שוהל אין שטוב! די קינדער זענען אויפגעשטאנען חצות, דער אין דער ווינקל, דער אין דער ווינקל!

[(השואל; חוץ פון ר' נחמן האט ער געהאט נאך קינדער?) איינער 'יענקל', ער איז דאך אוועק געקומען מיט די לעקטער מיט ר' מרדכי באברינצער צוזאמען! (נהרג ע"י חוט של עלעקטר"י שנפל עליו, עי' שיש"ק ד' תנ"ג). ער האט געהאט א זוהן 'נתן', דעמאלטס זענען זיי געווען יונגע קינדער, איך ווייס - פערצן פופצן יאר, יענקל איז אוועק געגאנגען אלץ בחור, 'נחמן' האט יא חתונה געהאט, נחמן פלעגט אויך זיצן ביים טאט'ן אין שטוב אלעמאל ].

ס'איז געקומען ביינאכט, חצות, איך הער 'קולות' פון אלע ווינקלעך, דער דא, און דער דארטן, צושפרייט - - א 'שוהל ביי איהם אין שטוב', א שוהל, א בית הכנסת! איך האט געזעהן א נאכט, געזעהן א שוהל אין א שטוב! געווען 'כלים', 'כלים'! זיי האבן געהאט אזעלכע הערצער צום אייבערשטן! אז מען האט גערעדט א דיבור - איז געווען מיט הארץ!

[נעבעך יענקל איז געהארגט געווארן (כנ"ל), און נתן - ביים קריג פונעם דייטש. (עי' שיש"ק ו' פ"ב). (השואל; און ר' איציק אליין?) ר' איציק ליגט אין קרָאווארק, ער האט געליטן אויף נירן שטיינער, מען האט איהם אפערירט אין מאסקווע, און ער איז געגאנגען אין די גאס, איז ער געפאלן אינמיטן דער גאס, און מען האט איהם גענומען אהיים, ער איז געקומען אהיים און נפטר געווארן אין קרָאווארק]

*

דאס איז געווען א איד (ר' איציק) - א הארציגער איד! אוי אוי! טאקע דעם יאר וואס ר' מרדכי ע"ה און יענקל זענען נפטר געווארן צוזאמען, און ער איז עפעס נישט געווען דעמאלטס אין קראווארק, און ער איז געקומען און געוואויר געווארן פון יענקל - - 'יענקל' איז געווען א תכשיט, א בחור א צדיק, א חסיד! נעבעך אזא מין מיתה חטופא - - -

ער (ר' איציק) האט געהאט אן איידעם "ר' לאבע" (לייבל), א טייערע יונגערמאן געווען, אה! און ווען ער איז אוועק געפארן אויף ראש השנה, איז דער איידעם געווען ממש א גוסס, און ער איז נפטר געווארן באלד! און ר' איציק איז געקומען צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה - - - יענקל איז נעבעך אוועק, און לאבע איז קראנק, און ער האט פארשטאנען אז ער איז שוין אויך נישט דא.

ער איז געקומען אויף ראש השנה - "ר' אברהם שטערנהארץ" (ששימש כש"ץ מלפנים) איז שוין געווען אין ארץ ישראל, האט מען איהם אוועק געשטעלט אז ער זאל דאווענען מנחה ערב ראש השנה - ר' איציק'ן, ער איז געווען א גרויסע בעל בכי, האט ער אוועק געלייגט א שמונה עשרה - איך האט נאך אין מיין לעבן אזעלכס נישט געהערט! דאס קען מען נישט ארויסרעדן! וואס דער מענטש - ער איז געווען א גרויסע בעל בכי, און דא האט ער געהאט א שברון לב, אוי אוי אוי אוי! נישט 'ער' האט געוויינט - די 'ווענט' האבן געוויינט! די ווענט האבן געוויינט פון זיין דאווענען!

מען האט געענדיגט 'המברך את עמו ישראל בשלום' - מען האט קוים געקענט ענדיגן 'המברך את עמו ישראל בשלום'! ער האט צוגעצויגן מיט כוחות אז מען זאל קענען מסיים זיין די ברכה!

פונדעסטוועגן - ער איז געווען מיין אורח, ראש השנה האט ער גערעדט גוטע דיבורים, ער האט זיך געשטארקט מיט שמחה, ער האט זיך געשטארקט! ער איז א ערליכע איד געווען, ער האט גערעדט ביים טיש - זייער גוטע ווארימע דיבורים גערעדט, פון התבודדות - - ער איז נפטר געווארן דעם אנדערן יאר.

ער איז געווען ביים טיש, ער האט געוויזן א סבר פנים יפות! א פרייליך פנים, ער האט א שמייכל געטאהן, דאס הארץ איז איהם געווען זייער צובראכן, אבער ער איז א ערליכער איד געווען!

*

ערליכע אידן - 'דאס פנים שיינט', דאס פנים שיינט! חז"ל זאגן אויף יצחק, אז דער אויבערשטער האט אויסגעמאלן די פנים פון יצחק'ן 'דומה לאברהם' (רש"י ריש פרשת תולדות), פלעגן אונזערע לייט זאגן; די סטרא אחרא האט געזאגט; 'מאבימלך נתעברה שרה' - אז יצחק איז 'גבורה' ווי קומט ער צו אברהם? אברהם איז דאך 'איש חסד'? ער איז גארנישט אברהם'ס קיין זון, ער קומט פון אבימלך'ן! האט דער אויבערשטער אויסגעמאלט די פנים פון יצחק'ן 'דומה לאברהם', יצחק האט געהאט א פנים פונקט אזוי ווי אברהם - 'א פרייליך פנים'! ער איז טאקע געווען גבורה, אבער דער פנים איז געווען א פנים פון א פרייליך פנים, אויב אזוי - איז טאקע 'אברהם הוליד את יצחק'! דער עיקר דערקענט מען נאר אין 'דינא קדישא', 'דינא דמסאבא' איז א פינסטער פנים, 'דינא קדישא' איז א פנים פון חסד! (עי' לקו"מ תו' ע"ד).

איז דער ר' איציק האט געהאט א פנים פון 'דינא קדישא', געהאט א פנים - א לעבטיגע פנים ביים טיש!

ער איז בטבע ארומגעגאנגען מיט א שמייכל, ער האט געהאט א לעבטיגן פנים דער ר' יצחק, א פנים אויסגעווינט פון טרערן, אזוי ווי מען גייט ארויס פון א מרחץ, פון א שוויץ, תמיד האט אויסגעזעהן דער פנים אזוי - אויסגעוואשן מיט טרערן! ער פלעגט אזויפיל וויינען פאר'ן אויבערשטן, אז תמיד האט ער זיך אויסגעוואשן דאס פנים מיט טרערן, ער איז געווען א געוואלדיגער בעל בכי! און דאס מאל איז ער אויך געווען אזוי, אן אויסגעוואשענע פנים פון טרערן, אבער ער האט זיך געהאלטן, געוואשן - געגעסן מיט א שמייכל!

נו, גרויסע ערליכע אידן געווען, גרויסע ערליכע אידן.

*

# אונזערע 'אוצרות'...

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט מסתמא גערעדט וועגן חצות, התבודדות - - -) ר' אברהם ר' נחמן'ס האט גערעדט אסאך פון לערנען אויך, יא, יא, אסאך גערעדט פון לערנען אויך, ער האט אסאך גערעדט פון לערנען.

דאס איז געווען זיינע תלמידים זיינע, די אלע וואס זענען געווען שייכות צו ר' אברהם ר' נחמן'ס זענען געווען אנדערע מענטשן!

אזוי איז אויך געווען אין בארדיטשוב, בארדיטשוב איז געווען די פלאץ פון ר' אברהם ר' נחמן'ס; ר' ברוך - ר' יוחנן'ס (גאלאנט) טאטע, בנימין 'פארבער' (- צבע), און דער איז געווען א 'קוימען קערער' - "אברעמ'ל דער קוימען קערער", ער איז ארומגעגאנגען - ער פלעגט קערן די קוימענס, דאס איז געווען זיין פרנסה, מיט אש אויסגעשמירט דאס פנים! - -

וואס הייסט א 'קוימען קערער'?! ביי אונז - ביים אנהויב התקרבות מיינע האב איך געהאלטן שבת אין בארדיטשוב, דער ערשטן אלול תרע"ד, קומט אריין א 'קוימען קערער' מיט א שווארצן בעזים, און לייגט עס אוועק אינדרויסן, און ער קומט אריין דא - עפעס א קוימען קערער - ער שטעלט זיך אוועק דאווענען, רבונו של עולם! וואספארא דאווענען, א געשמאקייט פון א דאווענען! (ושאלתי); וואס איז דער? ווער איז דער קוימען קערער? א קוימען קערער - דאס איז א קוימען קערער!

[ער פלעגט אונטערהעלפן (בחזנות בקלויז) ר' אברהם שטערנהארץ - דער "אברעמ'ל קוימען קערער". ווען ר' נחמן (נעמירובער?) האט געדאווענט, האט אונטערגעהאלפן איינער - אן איינבינדער פון טעפליק, ער פלעגט גיין צופים אלעמאל צום רבי'ן אויפ'ן ציון. און נאכדעם ווי יענער איז שוין נפטר געווארן, האט אברעמ'ל אונטערגעהאלפן ר' אברהם'ן, ר' אברהם האט איהם עפעס געגעבן דערפאר. (השואל; ער האט געהאט א קול נגינה?) יא, ער איז געווען בעל מנגן, ער האט שיין געדאווענט! מיט ר' אייזיק (קראסנשטיין) פלעגט מיט גיין א 'רימער', ער האט געמאכט די זאטלען דארטן פון די פערד - - -]

יא, ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אויפגעשטעלט שיינע דורות! אה, אזעלכע צדיקים! אין פוילן האט ער געהאט דארטן ר' שלמה גבריאל'ן, און ר' מרדכי סאקאלאווער, ער האט געהאט קעפ, לומדים!

*

נו, הגיע זמן, מען מוז זיך מצמצם זיין. דעם אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, מיר זאלן אויך עפעס פארזוכן, מיר שטייען ביי דעם 'אוצר' - - זיין אזא שלימזל'ניק, שטיין ביי אזא קלייט, און גארנישט נעמען?! איז מען אוודאי א גרויסע שלימזל'ניק, גארנישט נעמען?! אזויפיל סחורה שטייט, און אזויפיל זאכענישן, און דו ביזט אזא ארעמאן - לעבסט אזא מין ארעם לעבן?! וואס איז מיט דיר?! צופאקעווע די 'סחורה' דיינע, הייב אן לעבן עפעס א גוט לעבן, א שיין לעבן! "הערט אויף זיין ארימע לייט הייבט אן נוצן מיט אייערע אוצרות!" (מלשון סיפורי מעשיות מעשה י"ג ז' בעטלירס - יום א') דו האסט אויך גוטע אוצרות!

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **חיים אלעזר מאיער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יהודה ארי' גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בנו למזל טוב**

מוה"ר **נחמן גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **שלמה נחמי' ראזענבערג** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **פנחס גוטמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות למז"ט**

מוה"ר **אפרים גערליץ** הי"ו
לייקואוד יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות למז"ט**

לזכות נשמת מורינו הגה"ק **רבי נתן** ב"ר נפתלי הירץ **מברסלב** זי"ע
**נתנדב לרגל יומדה"ל עשרה בטבת**

לע"נ מרת **חי' רעכל ב"ר חיים מנחם הכהן** ע"ה
נלב"ע ט"ז כסלו תשע"ח
**תנצב"ה**